Opłata pocztowa uiszczona ry załtem

Najer Folksblat

פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען!

נייער פאלקסבלאט

אומפארטייאישע מארגנ׳ס - נאכמיטאגדיגע טאג - צייטונג

Nr. 215 (903 | Łódź, Sroda 15 Września 1926 | פירטער יאהרגאנג | לאדז, מיטוואך ז תשרי תרפ״ז. | Nr. 213 (905

24·71 .אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל || Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21. Tel. 24 71

מינדערהייטס-פראגע אויפ׳ן טאג-ארדנונג פון מיניסטאר-ראט.

וו א ר ש א, 14. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט). נאכדעם ווי די מינדערהייטס-פראגע איז בעטראכט געווארען אין פאליטישען קאמיטעט, געהט זי איבער אויפ׳ן טאג-ארדנונג פון דער נאהנטער זיצונג פון מיניסטארען-ראט. די פראגע זאל בעטראכט ווערען אויפ׳ן סמך פון מעמאריאל פון מיניסטער מלאדזיאנאווסקי.

קודם כל זאל רעגולירט ווערען דאס אוקראינישע שול-וועזען און ס׳זאל אנערקענט ווערען רעכט פאר פראפעסיאנעלע יודישע שולען.

קאנפערענץ וועגען צעכען-געזעץ.

וו א ר ש א, 14 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) היינט פארמיטאג איז אין האנדעלס-מיניסטעריום פארגעקומען א קאנפערענץ מיט די פארשטעהער פון די ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס וועגען דעם פראיעקט פונ׳ם צעכען-געזעץ, וועלכען די איצטיגע רעגירונג האט צוריקגעצויגען פון סיים און דער מיניסטער קוויאטקאווסקי האט איהם איבערגעארבייט.

א טייל רעדנער האבען זיך אויף דער קאנפערענץ ארויסגעזאגט פאר דערהאלטען די רעכט פון די צעכען און נישט איינפיהרען קיין נייע בעגרענצונגען געגען די צעכען אין דעם געזעץ.

געגען דעם איז מיט א שארפער רעדע ארויסגעטרעטען דער פארשטעהער פון די יודישע האנדווערקער אינזש. טשערניאקאוו, וועלכער האט אנגעוויזען, אז ספעציעל די קוואליפיקאציע-פריווילעגיעס פון די צעכען זענען אן אטענטאט אויף די אינטערעסען פון די יודישע האנדווערקער.

ס׳האבען זיך נאך ארויסגעזאגט א פאר רעדנער, וועלכע האבען פארגעלעגט פערשידענע ענדערונגען פונ׳ם פראיעקט.

ווי מען פערזיכערט פון מאסגעבענדע קרייזען וועט דאס צעכען-געזעץ פובליקירט ווערען אלס דעקרעט פון פרעזידענט נאך ענדע הייגטיגען חודש.

טראגישער פארפאל מיט א יודישען שלאסער.

וו א ר ש א, 14 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) הייגטיגע נאכט האט דער שלאסער שלמה שאק, וועלכער האט זיין ווערקשטעל אויף באגנא 1, געפינען צווישען אלטען אייזען א האנדגראנאט.

מיינענדיג, אז דער גראנאט געהערט צום שמעלץ האט איהם דער שלאסער געוואלט צוקלאפען, פלוצלונג איז פארגעקומען א שטארקער אויפרייס. דער שלאסער איז אויפ׳ן ארט דער׳הרג׳עט געווארען. א פאר פערזאן, וועלכע האבען זיך געפינען דערנעבען, זענען לייכט פערוואונדעט געווארען.

דער פערשטארבענער שלאסער האט איבערגעלאזט א פרוי מיט 3 קליינע קינדער.

באנדיטען-אנפאל אונטער ווארשא.

וו א ר ש א, 14 (טעלעפאניש). אין דער פערגאנגענער נאכט זענען נישט ווייט פון פאלעניק אנגעפאלען באנדיטען אויף די פארבייפאהרענדע סוחרים יצחק בערדא, משה גאלדפארב און ישראל וואלאנסקי, אלע איינוואוינער פון פאלעניק. די באנדיטען האבען צוגערויבט ביי די סוחרים 339 זלאטעס און ענטלאפען אין וואלד.

די בערויבטע קאנען נישט אנגעבען, ווי די באנדיטען האבען אויסגעזעהען, ווייל זיי זענען געווען פערמאסקירט.

ליקווידירט דער קאנפליקט מיט די קוילען-ארבייטער.

ק ר א ק א, 14 (טעלעפאניש) דער קאנפליקט אין דאמבראווער און קראקאווער קוילען-ראיאן איז געכטען פערענדיקט געווארען. ס׳איז אונטערגעשריבען געווארען צווישען די אינהאבער און די קוילען-ארבייטער אנ׳אפמאך, לויט וועלכען די ארבייטער בעקומען א 8-פראצענטיגע הוספה,

א נייע לאנדווירטשאפטליכע פרוב-סטאציע אין עמק-יזרעאל

י ר ו ש ל י ם. (א״י ק. ב.) אין דזשעבאטא, אין עמק, איז געלעגט געווארען דער פונדאמענט פאר א נייער לאנדווירטשאפטליכער פרוב-סטאציע. דאס ארט איז אויפ׳ן דריטען קילאמעטער פון נהלל און די בנינים וועלען אויפגעשטעלט ווערען א קילאמעטער פון דער באהן-ליניע.

זיצונג פון פעלקער-ליגע אין בערלין.

ב ע ר ל י ן, 14 (ספ.) פון גענף מעלדעט מען, אז לויט דער מיינונג פון דיפלאמאטישע קרייזען וועט די קונפטיגע דעצעמבער-זיצונג פון פעלקער ליגע פארקומען אין בערלין.

שרעקליכע שרפה אין רומעניען.

ב ו ק א ר ע ש ט, 14. (ספ.) א שרעקליכע שרפה בושעוועט פון נעכטען אן אין דער שטאדט הוסי אין מאלדאוויען.

ביז איצט איז אבגעברענט געווארען העכער 120 הייזער.

שארפע רעפרעסיעס אין שפאניען.

מ א ד ר י ד, 14. (ספ.) דאס מיליטער-געריכט אין סעגאוויע האט פער׳משפט צום טויט דעם קאמענדאנט פון דער ארטילעריע-שולע פאר אנטייל נעהמען אין אויפשטאנד געגען גענעראל פרימא דע ריווערא. 45 פראפעסארען זענען פער׳משפט געווארען אויף אייביגע טורמע.

שקארלאטין-עפידעמיע אין ריגע.

ר י ג ע, 14 (ספ.) די שקארלאטין-עפידעמיע אין ריגע פערשפרייט זיך אלץ מעהר און מעהר, און האט זיך אויך אריבערגעכאפט אין א גאנצע רייה שולען, און איינינע קלאסען זענען צייטווייליג איבערגעריסען - געווארען די למודים, און עס ווערט דורכגעפיהרט א דעזינפעקציע. די עפידעמיע האט דאס מאל הויפטזעכליך אנגערירט די פאלקס-שולען. דער געזונדהייטס-דעפארטאמענט האט אנגענומען אלע מאסנאמען אויף צו בעקעמפען די עפידעמיע. און אלע קראנקע שילער ווערען שטרענג איזאלירט. די שול - אדמיניסטראציעס זענען בעפולמעכטיגט דרינגענד מיטצוטיילען אין געזונדהייטס-אמט וועגען יעדען פערדעכטיגען ערקראנקונגס פאל.

טיפוס-עפידעמיע אין האמבורג.

ב ע ר ל י ן, 14 (א.ט.ע.) פון האמבורג מעלדעט מען, אז די טיפוס-עפידעמיע פערשפרייט זיך דארט זעהר שטארק. ביז איצט זענען קראנק געווארען העכער 1000 פערזאן. אין משך פון הייגטיגען טאג האט זיך די צאהל קראנקע פערגרעסערט מיט 200. שוין די פירטע שול איז איבערגעמאכט געווארען אויף א שפיטאל.

צוריק געעפענט דעם קלוב פון אונאפהענגיגע סאציאליסטען.

וו א ר ש א, 14 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) די אנפיהרער פון די אונאפהענגיגע סאציאליסטען. ד״ר קרוק און ד״ר דראבנער האבען זיך היינט געווענדעט צום רעגירונגס-קאמיסאריאט מיט אנ׳אנפראגע וועגען די סבות, צוליב וועלכע די פאליציי האט פערמאכט דעם קלוב פון די אונאפהענגיגע.

א דאנק דעם אינטערווענץ איז היינט דער קלוב געעפענט געווארען.

די בלוטיגסטע שלאכט אין כינא.

5000 כינעזער אומגעקומען.

ל א נ ד א ן. 14 (א. ט. ע.) „מארגינג פאסט“ מעלדעט פון אמעריקאנישע און יאפאנישע קוועלען, אז בעת דער לעצטער ענגלישער עקספעדיציע קיין וואהנזין זענען אומגעקומען אויף דער כינעזישער זייט העכער 5 טויזענד פערזאן. דער קארעספאנדענט פון „מארגינג פאסט“ רופט אן די שלאכט ביי וואהנזין אלס די בלוטיגסטע אין דער גייער געשיכטע פון כינא.

מען מאכט ארדנונג אין כינא...

נ י ו - י א ר ק. 14 (פאט) לויט ערהאלטענע ידעות פון פעקין איז אונטערדריקט געווארען דער בונט צווישען דעם כינעזישען מיליטער אין קאלגאן. עטליכע הונדערט כינעזער זענען דערשאסען געווארען.

אויספארשונג וועגען אטענטאט אויף מוסאליני׳ן.

ר ו י ם, 14. (א.ט.ע.) די איטאליענישע מאכט האט בעקומען אינפארמאציעס פון דער פראנצויזישער פאליציי, אז דער אויספיהרער פון אטענטאט אויף מוסאליני׳ן איז געווען גוט בעקאנט אין מארסעל, וואו ער האט געארבייט אלס ארבייטער אונטער׳ן נאמען פון לוקאפי.

צי די איבעריגע פערזאנען, וועלכע מען האט געזעהען אין אויטא, שטאמען אויך פון מארסעל, איז נישט בעוואוסט.

ר ו י ם, 14. (ספ.) אין צוזאמענהאנג מיט דער אויספארשונג וועגען אטענטאט האט די פאליציי אדורכגעפיהרט א גאנצע רייה רעוויזיעס, דערביי זענען ארעסטירט געווארען העכער 300 פערזאן.

דער הויפט-דירעקטאר פון דער פאליציי, ווי אויך דער פאליציי-דירעקטאר אין רוים זענען ארויס אין דימיסיע.

קוילען-שטרייק אין ענגלאנד דויערט ווייטער.

ל א נ ד א ן, 14 (פאט) צוליב דעם וואס די אינהאבער פון די קוילען-גרובען האבען זיך אפגעזאגט אנטייל צו נעהמען אין דער אלגעמיינער קאנפערענץ, האט דער אויספיהר-קאמיטעט פון די קוילען-ארבייטער אויפגערופען אלע ארבייטער צו פיהרען ווייטער דעם קאמף.

פוילען האט געזיכערט א פלאץ אין ראט פון פעלקער-ליגע.

ב ע ר ל י ן, 14 (פאט) „נאכטאויסגאבע“ שטעלט פעסט, אז דער רעזולטאט פון דער הייגטיגער אפשטימונג אין דער ערשטער קאמיסיע פון פעלקער-ליגע פערזיכערט פוילען א האלבשטענדיג ארט אינ׳ם ראט.

היינט מיטוואך, 1 א זייגער מיטאג ווערען געשטעלט מצבות

אונזער אונפערגעסליכען פאטער

שמואל יצחק גאלדבערג ז״ל

און אונזער אונפערגעסענע מוטער

שיינדעל ראכעל ע״ה

אלע קרובים, פריינד און בעקאנטע ווערען העפל. געבעטען צו קומען אין דער בעשטימטער צייט אויפ׳ן הינען יודישען בית-עלמין, וועגען וואס עס טיילען מיט

די פאמיליע.

946

סיים-מאַרשאַלעק וועגען גראַבסקי'ס בריף.

וו א ר ש א, 14 (טעלעפאָניש פון אונזער סיים-קאָרעספאָנדענט) נעכטען האָט זיך צום סיים-מאַרשאַלעק געווענדעט אַ גרופּע זשורנאַליסטען מיט דער בקשה, ער זאָל זיך אַרויסזאָגען וועגען דעם לעצטען בריף פון געוו. פּרעמיער גראַבסקי.

דער מאַרשאַלעק האָט נעכטען אין אָוועגד איינגעלאַדען צו זיך די זשור-נאַליסטען און זיי ערקלערט פאָלגענדעס.

פּוליב דעם וואָס אין גראַבסקי'ס בריף, וואָס איז אַדרעסירט צום סיים-מאַרשאַלעק, זענען אָנגעריהרט געוואָרען מיטגלידער פון אַ סיים-קאָמיסיע, וועל-כע איז אויסגעוועהלט געוואָרען דורכ'ן סיים, דאַרף זיך מיט דעם בריף פאַר-נעהמען דער סיים גופא. צוליב דעם וועט נאָך אויף דער ערשטער זיצונג פון סיים דער מאַרשאַלעק פאָרלעגען דעם בריף, כדי דער סיים זאָל לגבי איהם אָננעהמען אַ שטעלונג.

וואָס נוגע דעם פּונקט פונ'ם בריף, וואו גראַבסקי פעררופט זיך אויף זיינע געשפרעכען צווישען וויטאָס'ן און בירקאַ'ן אין דער אָנוועזענהייט פון מאַרשאַלעק, ערקלערט ראַטאַי, אַז אין זיין פּריוואַט וואוינונג און אין אָפיציע-לען קאַבינעט פלעגען זיך אָפט צוזאַמענטרעפען פאָרשטעהער פון דער רעגירונג מיט פאַרלאַמענטאַריער. ס'איז געווען מיין חוב, זאָגט מאַרשאַלעק ראַטאַי, צו פערלייכטערען גראַבסקי'ן זיך צו פערשטענדיגען מיט פאָרשטעהער פון פאַרלאַ-מענט.

קיינמאָל אָבער, ערקלערט ער ווייטער, האָב איך נישט צוגעלייגט מיין האַנד צו פערלייכטערען, אויף דעם אופן, דאָס בעקומען פערשידענע קאָנצעס-יעס אָדער ערלעדיגען פּריוואַטע ענינים. וועגען דעם ווייסט גאַנץ גוט גראַבסקי.

צי האָט וויטאָס געמאַכט וועלכע ס'איז אלוזיעס בנוגע בירקאַ'ן, דאָס קאָן איך נישט זאָגען. וועגען דעם קאָן נאָר געבען אַנ'ענטפער וויטאָס גופא. דאָס געשפרעך איז אפשר פאָרגעקומען נאָר אָהן מיין אַנטייל.

וועגען דעפּ. בירקאַ, וועלכער איז שוין אַ פּאָר יאָהר פאָרזיצענדער פון דער ביודזשעט-קאָמיסיע, זאָגט מאַרשאַלעק ראַטאַי, אַז הגם ער איז זעהר פאָר-זיכטיג ביים אַרויסזאָגען מיינונגען וועגען מענשען, האַלט ער בירקאַ'ן פאַר זעהר אַנ'אָנשטענדיגען מענש מיט ריינע העגד.

אויסטויש פון פּראָפעסאָרען צווישען יודישע וויסענשאַפט-אינסטיטוציעס

וו י ע ן. (י.ט.אַ) דער ניו-יאָרקער „יודישער רעליגיאָנס - אינסטיטוט" האָט איינגעלאַדען צוויי פּראָפעסאָרען פון ווינער העברעאישען פּעדאַגאָגישען אינ-סטיטוט דר. דיזענבדרוק און דר. באַ-ראָן אויף גאַסט-פאָרלעזונגען אין ניו-יאָרקער אינסטיטוט. אין דער זעלבער צייט וועלען האַלטען פאָרלעזונגען אין ווינער העברעאישען אינסטיטוט פּראָפ. קליין פון יודאַאיסטישען אינסטיטוט אין ירושלים און דר. סעסיל-ראָטה פון ענגלאַנד. אין דער נאָהענטסטער צייט וועט דער בעריהמטער יודישער געלעהרטער און אַלטערטום-פאָרשער. פּראָפ. שמואל קרוין, פון יודישען טעאָלאָגישען אַנשטאַלט אין וויען, אָבגעהאַלטען קיין אַמעריקאַ, וואוהין ער איז איינגעלאַדען געוואָרען אויך צוליב וויסענשאַפטליכע קורסען אין ניו-יאָרק.

— — —

נייער מעמאָראַנדום פון די אונגאַרישע יודען נעגען „נומערוס קלאַוזוס".

ב ו ד אַ פּ ע ש ט, (יט"א) די צייטונג „עניענלעזעג" פערעפענטליכט אַ נייעם שאַרפען מעמאָראַנדום פון די אונגאַרי-שע יודישע קהלות צו דער אונגאַרישער רעגירונג, פאָדערענדיג די באַלדיגע אָפּ-שאַפונג פון „נומערוס קלאַוזוס".

דער 25-יעהריגער יוביליי פון דער יודישער קאָאָפּעראַציע אין בעסאַראַביען.

ק י ש ע נ ע ו, (יט"א) דעם 17 ה. ח, פאַלט אויס דער 25-יעהרינער יובי-ליי פון דער יודישער קאָאָפּעראַציע אין בעסאַראַביען. די ערשטע יודישע קאָאָ-פּעראַטיווע - באַנק איז געגרינדעט גע-וואָרען דעם 17 סעפּטעמבער 1901.

אין משך פון די 25 יאָהר זענען גע-גרינדעט געוואָרען אין בעסאַראַביען 40 יודישע לייה- און שפּאָר-קאַסעס, וואָס צעהלען 25,000 מיטגלידער. די לייה-און שפּאָר - קאַסעס זענען פעראייניגט אין אַ פערבאַנד. דער בילאַנס פון אַלע יודישע לייה- און שפּאַר - קאַסעס בע-טרעפט 125 מיליאָן לעי (ערך 130 טויזענד פונט) פון וועלכע 22 מיליאָן בעטרעפט דער אַקציע-קאַפּיטאַל, 44 מי-ליאָן איינלאַגען און לערך אַ העלפט קאַ-פּיטאַלען איז נעגעבען געוואָרען דורך דער „יקא" און „דזשאָינט".

לעגאַליזירט די ציוניסטישע אָר-גאַניזאַציע אין סערביע.

ב ע ל ג ר אַ ד. (י.ט.אַ.) די יוגאָסלאַ-ווישע רעגירונג האָט בעשטעטיגט די לעגאַליזירונג פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין יוגאָסלאַוויען, מיט'ן רעכט צו עפענען אומעטום ציוניסטי-שע פעראיינען און לאָקאַלע אָרגאַני-זאַציעס.

סער הערבערט און לידי סעמיועל וועגען דעם יודישען אויפבוי-ווערק אין ארץ-ישראל.

נ י ר ע נ ב ע ר ג, (י.ט.א.) נישט קו-קענדיג אויף זיין פערלאַנג צופערבערגע-גען ראש - השנה אין נירענבערג אויס-שליסליך אַלס פּריוואַט - פּערזאָן, האָט סער הערבערט סעמיועל אָנגענומען די איינלאַדונג צו האַלטען א פאָרטראַג אין אַ ענגען קרייז פון די נירענבערגער ציוניסטען וועגען דער לאַגע אין ארץ-ישראל.

אין זיין פאָרטראַג האָט סער הער-בערט סעמיועל בעריהרט די פּאָליטישע און ווירטשאַפטליכע פערהעלטנישען אין ארץ-ישראל, בעצייכענדיג אַלס גינסטיג די אַלגעמיינע הירטשאַפטליכע אויסזיכ-טען פון לאַנד ווי אויך דעם יודישען אויפבוי-ווערק.

הערבערט סעמיועל האָט אונטערגע-שטראָכען די גרויסע גייסטיגע און מאָ-ראַלישע בעדייטונג פון אַ יודישער נאַ-ציאָנאַלער היים אין ארץ-ישראל פאַר דעם גאַנצען יודענטום און ערקלערט, דאָס עס איז דעריבער געווינשען, דאָס די יודען אויף דער גאַנצער וועלט זאָ-לען זיך בעטייליגען אין דער דאָזיגער אַרבייט.

לידי סעמיועל האָט גלייכצייטיג רע-פערירט פאַר אַ קרייז פון יודישע פרוי-ען וועגען דער אַרבייט פון דער יודי-שער פרוי אין ארץ-ישראל.

פון די געשפרעכען וואָס די אַנווע-זענדע האָבען נאָכהער געהאַט מיט סער הערבערט סעמיועל איז געווען אויסצו-דרינגען, דאָס נישט קוקענדיג דערויף וואָס סער הערבערט סעמיועל האָט בדעה אין דער נאָהנסטער צייט נעמען אַנ'אַקטיוון אַנטייל אין ענגלישען פּאָ-ליטישען לעבען, וועט ער זיך אויך בע-טייליגען אין די אַרבייטען פון די ווירט-שאַפטליכע אינסטיטוציעס פאַר דעם אויפבוי פון ארץ-ישראל.

קיעווער כאָר-שוהל פערוואַנדעלט אין אַנ'אַרבייטער-קלוב.

ק י ע וו. (י. ט. א.) נאָך אַ לענגערן קאַמף, וואָס האָט געדויערט העכער 3 יאָהר-צייט. האָט די קיעווער „יעוו-סעקציע" אויסגעפיהרט דאָס איהריגע. אַקוראַט ערב ראש-השנה איז בע-שלאָסען געוואָרען צו פערוואַנדלען די קיעווער גרויסע כאָר-שוהל, בראָדסקי'ס שוהל אין אַנ'אַרבייטער-קלוב.

די קיעווער בראָדסקי'ס שוהל איז איינע פון די גרעסטע און שענסטע סינאַגאָגען נישט בלויז אין קיעוו, נאָר אין גאַנץ אוקראַינע.

אופּטאָן סינקלער פאַר דער ירושלים'ער נאַציאָנאַל-ביבליאָטעק.

י ר ו ש ל י ם. (א"י ק. ב.) דער בע-ריהמטער אַמעריקאַנער שריפטשטעלער, אופּטאָן סינקלער האָט צוגעשיקט אַלע זיינע ווערק פאַר דער נאַציאָנאַל-אוניווערזיטעטס ביבליאָטעק אין ירושלים.

לעצטענס האָט די ביבליאָטעק אויך פערהאַלטען דעם ערשטען טראַנספּאָרט ביכער פון דער בערלינער אוניווערזיטעט. דער טראַנספּאָרט בעשטעהט פון אַ רייה וויסענשאַפטליכע ביכער אויף די געבי-טען פון יוריספּרודענץ, פילאָזאָפיע און טעאָלאָגיע. אין דעם טראַנספּאָרט גע-פינט זיך אויך אַ מתנה פון דער בער-לינער אַקוליסטישער אוניווערזיטעטס-קלי-ניק — וויכטיגע ביכער אויפ'ן געביט פון אַקוליסטיק.

Dr. Z. Rakowski
ספּעצ. פאַר אויערען, נאָז, האַלז און לונגען-קראַנקה.
9 קאָנסטאַנטינער-ווליצאַ 9
טעלעפאָן 27-81
ספּעציעלער קורס פאַר שטאַמלער.
אָפּרעכטשטונדען פון 2 ביז 2 און פון 5-7. 17
נעהמט אויך אָן אין לעטשניצע זגערזשער 17 פון 10 ביז 11 און פון 2 ביז 3 נאָכט.

Dr. JAKÓB KON
אָרדינאַטאָר פון שטעטישען שפּיטאָל. אַקושער צוריקגעקעהרט.
שענקעוויטש 18, טעלעפאָן 37-62
אין די לעטשניצע אויף זאַכאָדניאַ 27 (רוג קאָנ-סטאַנטינער) פון 5 ביז 6 נאָכט. 293

Dr. med.
M. GLAZER
ul. ZIELONA Nr. 6 טעל. 45-49
הויט- און וענערישע קראַנקהייטען.
עמט אָן פון 8-9.30, 12-2 און 7-8 אָוו. 589

Dr. med. J. POLAKOW
ספּעציאַליסט פאַר קינדער-קראַנקהייטען 168
KONSTANTYNOWSKA 87a Tel. 39 75
נעמט אָן פון 5-6.30 אָוו. אינדערהיים און פון 2-3 אין לעטשניצע אויף גייערס מאַרק פּעטריקאָווער 294.

Dr. med. S. NIEWIAŹSKI
הויט- און וענערישע קראַנקה. מענער-שוועכע
נעהמט אָן פון 5 ביז 8 נאָכמיטאָג
שענקעוויטשאַ 34.

Dr. ALTERMAN-GURFEL
אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען.
Piramowicza 10.
נעהמט אָ פון 4-6 נאָכמיטאָג Tel. 46-96.

יום-כפור אין פילהאַרמאָניע-זאַל
נאַרוטאָוויטש-גאַס 20.
צוליב דער גרויסער נאָכפראַגע נאָך איינטריטס-קאַרטען צו הערען דעם וועלט בעריהמטען יונגען חזן-קינסטלער ה
יוסף זאַלודקאָווסקי
(וועלכער האָט מרעיש עולם געווען מיט זיינע נעימות'דיגע תפילות דעם ראש השנה) מיט דעם גוט-איינשטודירטען כאָר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט י. רובין, האָט דער קאָמיטעט בעשלאָסען צו פערקויפען נאָך אַ קליינע בע-גרענצטע צאָהל בילעטען. וכל הקודם זכה!
בילעטען יערט פערקויפט פון היינט, מיטוואָך, דעם 15. וורזשעשען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע זאַל פון 10 פריה ביז 8 אָווענד. 186
בעמ.: צוליב דעם גרויסען געדראַנג, וועלכער קומט פאַר שטענדיג ערב יו"כ, בעט מען די ג' מתפללים נישט מיטברענגען צו כל-נדרי קיין קינדער.

הגמנסיה העברית „יבנה"
בלודז, ציגלניה 75.
מתקבלים תלמידים לשנת הלמודים החדשה אל כל המחלקות.
להתרשם אפשר בלשכת - הגמנסיה (רחוב צעגעלניאַ נומ' 75) בכל יום מנות שעה 10-12 לפניהצהרים.
הלמודים והבחינות תתחלה ב15 לספטמבר ש. ז.
המנהל. 222
עס ווערען אָנגענומען איינשרייבונ-גען פון נייע שילער אין עלטער פון 6 יאָהר אָן. די שול קאַנצעלאַריע איז טעטיג יעדען טאָג פון 10-12. די למודים און די איינטריטס עקזאַמענס הויבען זיך אָן ד. 15 סעפּטעמבער
דער דירעקטאָר.

Dr. M. Lichtensztajnowa
קינדער-קראַנקהייטען.
צוריקגעקעהרט.
נעהמט אָן אין לעטשניצע „פּאַמאָץ" אַלעקסאַנדראָווסקאַ 1 פון 12-2 און פון 3-5 נאָכמיטאָג. 786
אין דער היים Andrzeja 28 פון 5-7

Dr. med. M. Urbach
Pomorska10t.48-89
נערווען און אינערליכע קראַנקהייטען.
נעהמט אָן פון 4 ביז 6 אָווענד.
אין דער לעטשניצע „ווישאַ" פון 1-2 ט. און פון 7-8 אָוו.

אתרוגים
מובחרים וגם לולבים והדסים במקח השוה על הורט וענצעל
איז צו בעקומען ביי
עמנואל האַפּעלויש
10 נייער-מאַרק 10 895

אתרוגים
מבחרים וגם לולבים והדסים
פון דער ערשטער קוועלע במקח השוה על הורט און ענצעל איז שוין צו בעקומען ביי
יעקב אהרן יאַנאָווסקי
נאָוואָמיעסקאַ 9 (געוועלב ביים טויער)
וושכאָדניאַ 6 (פראָנט, שיך-געוועלב ביים טויער)

א גמר חתימה טובה
ווינש איך מיינע געעהרטע קונדשאַפט, שוועסטער, שוואָגערס און שוועגערינס, ווי אויך אַלע מיינע פער-וואַנדטע, פריינד און בעקאַנטע.
י. גוטערמאַן,
אינהאַבער פון פאָטאָגראַפישען קונסט-אַטעליער
„POLONJA"
Łodź, Jerzego 19. 929

הילפּעדאַגאָגישע קורסען
פאַר שוואַכבעפעהיגטע און שווערערציהבאַרע קינדער, שפּראַכשטערונגען
Dr. med. A. SZMIRGELD
נערווען-אַרצט.
CEGIELNIANA 6. 144
איינשרייבען קאָן מען זיך יעדען טאָג פון 6 ביז 7 אָווענד.

לאָדז. 15. סעפּטעמבער 1926

„נייער פאָלקסבלאַט"
לאָדז. 15. סעפּטעמבער 1926

זאַפּאַלקעס

און דער געוועזענער פּרעמיער.

די זאַפּאַלקעס-פראַגע איז לעצטענס ווידער אַרויף אויף דער טאָג-אָרדנונג, און האָט זיך ווידער אָנגעצונדען, צוליב דעם בריף פון געוועזענעם פּרעמיער וול. גראַבסקי מיט די פאָרוואורפען געגען די דעפּוטאַטען וויזשיקאָווסקי, ראָזמאַרין, מיכאַלסקי און בירקאָ.

עס איז אַ פראַגע, וואָס האָט זעהר לייכט אויפגעפלאַמט די פעראינטערעסירטע געמיטער, און ווען דער דעפּ. ראָזמאַרין דערקלעהרט אין זיין אָפענעם ענטפער, אַז —

„דער מאַטעריאַל אין דעם ענין, וואָס איז פאָרגעלעגט געוואָרען פאַר'ן סיים וועט צושטעלען דער געזעלשאַפטליכער מיינונג אַ סך פּיקאַנטע און אויפרייצענדע מאָמענטען"—זענען גאָר נישט קיין דברים בטלים.

און דעפּ. ראָזמאַרין פערשטעהט עס ווי, איבריגענס, יעדער איינער, אַז דער שטאַרק דענערווירטער עקס-פּרעמיער, וועלכער האָט זיך, ווייזט אויס, אַליין נישט „סאַגירט" — בעמיהט זיך צו מקדים זיין די העכסט-וואַהרשיינליכע סורפּריזען פון דער אויספאָרשונג, און בעצייכענט צו פערשוואַרצען די פנים'ער פון די יענע, וואָס לעגען צו אַ האַנד און שכל צו דער אויספאָרשונגס-אַרבייט.

אַז זאַפּאַלקעס — שוועבעלעך — ווערט פערשטעהט זיך. דער ה' גראַבסקי אויפגעקאָכט און שיט אויף זיי פעך און שוועבעל...

דאָס איז אַ נאַטירליכע ערשיינונג, און לויט ווי די אָנגעגריפענע דורך גראַבסקי'ן רעאַגירען דערווייל אויף זיין בריף, איז צו זעהן, אַז גלאַט כשר איז די זאַך נישט, און —

ווען דעפּ. בירקא פיהרט אויס, אַז פאַר די צייטען פון דעם געוועזענעם פּרעמיער און פינאַנץ-מיניסטער ה' וול. גראַבסקי האָט אין סיים געהערשט די גרעסטע קאָרופּציע—איז ער אודאי און אודאי גערעכט, און מיר האָבען איהם בירקאַ'ן נישט פאָרצוואַרפען אין גוזמא'דיגקייט!

עס איז, כידוע, דאָ אַזאַ מין סאָרט זאַפּאַלקעס, וואָס אַז מען צינדט זיי אָן, פערשפּרייטען זיי אַרום זיך אַ מורא'דיגע גע'סרחה...

דאַכט זיך, אַז צו דעם סאָרט געהער די אָנגעצונדענע זאַפּאַלקע-פראַגע.

מן.

די פערברעכענס

וואָס דער „קו-קלוקס-קלען איז בעגאַנגען.

דער בעוואוסטער „קו-קלוקס-קלען", וואָס זיין אויפגאַבע איז צו בעקעמפען יודען, קאַטוילען און פרעמדע, האָט איינינע יאָהר געוואָרפען אַ פחד אויף גאַנץ אַמעריקע. די דאָזיגע בעוועגונג האָט זיך זייער גיך פערשפּרייט און האָט געפונען זייער פיל אָנהענגער. בעזונדערס האָט זי פעראינטערעסירט דעם עולם מיט איהרע סודות'דיגע מנהגים.

די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע איז בעגאַנגען אַ סך שוידערליכע פערברעכענס און וויפיל מען האָט געגען איהר נישט בעקעמפט, האָט מען איהר נישט געקענט דערשטיקען.

איצט אָבער קומען אָן ידיעות פון אַמעריקאַ, אַז די שרעקליכע אָרגאַניזאַציע ווערט אַלץ שוואַכער און פאַלט זיך פונאַנדער. איינער פון די פיהרער פון „קו-קלוקס-קלען", וואָס האָט געטראָגען אַ נאָמען „דער גרויסער דראַקאָן", איז געכאַפּט געוואָרען ביים בעגעהן אַ מאָרד און מען האָט איהם פערמשפּט צו אייביגער קאַטאָרגע.

נאָך דער מעשה האָט זיך די אָרגאַניזאַציע אָנגעהויבען פונאַנדערצופאַלען. די „חברים" האָבען זיך צוטיילט אויף מעהרערע גרופּעס און יעדע גרופּע רייסט זיך מיט דער אַנדערער און מאַכט פון איהר אַש און בלאָטע.

די גענפער שמחה.

ווען אַ שטיק וועלט-געשיכטע איז אָפּגעשלאָסען.

פון וו. גראָסמאַן.

זיכער האָט די גאַנצע וועלט, אָהן אַן'אויסנאַהם, געהאַט גרונד צו פייערען דעם טאָג, ווען דייטשלאַנד איז אויפגענומען געוואָרען אין דער פעלקער-ליגע און האָט פערנומען אַ הער פּלאַץ נעבען פראַנקרייך און ענגלאַנד, געוואָרען אַ מיטגליד פון אויבערשטען ראַט פון פעלקער-בונד מיט די אייגענע פערפליכטונגען, וואָס ליגען אויף זיי, אָבער אויך מיט די אייגענע רעכט.

די פייערליכקייט אין די גרויסע רעדעס. וועלכע בריאַן און שטרעזעמאַן האָבען געהאַלטען אין דעם דאָזיגען היסטאָרישען טאָג, איז אַרויסגערופען פון דעם אָבשיין פון יענע טראַגישע געשעהענישען, וועלכע האָבען זיך אָבגעשפּילט מיט צעהן יאָהר צוריק אויף די פעלדער פון פראַנקרייך. מיליאָנען מענשען זענען דאָך דאָ געפאַלען. טייכען בלוט און בוכשטעבליכען זין פון די שרעקליכע ווערטער זענען דאָך פערגאָסען געוואָרען. אַ גאַנצער דור מוז דאָך היינט לעבען און אַרבייטען, נאָר כדי ווידער אויפבויען די חורבות פון דער וועלט-מלחמה און היילען די וואונדען פון די פערקריפּעלטע. ווען שטאַאַטס-מענער זענען זוכה אָבשליסען אַזאַ פרוכטבאַרען קאַפּיטעל פון דער וועלט-געשיכטע, מוז אין זייערע ווערטער קלינגען דאָס געוויסען פון דער מענשהייט.

נישט אומזיסט האָט מען אין די ווערטער פון אַריסטיד בריאַן נישט געהערט דעם טאָן פון אַ זיגער. דאָס זענען ווערטער נישט פאַר דעם היינטיגען טאָג — אַ וועגווייזער פאַר דער צוקונפט ליגט אין זיי, אַן'אויפרוף צו דער מענשליכקייט פון די מענשען...

אויך די דייטשע שטאַאַטסמענער האָבען געהאַט גרונד צו פייערען דעם היסטאָרישען טאָג נישט איינפאַך איז געוועזען דער וועג, וואָס די יונגע דייטשע רעפּובליק האָט געמוזט דורכמאַכען ביז זי איז געקומען קיין לאָקאַרנאָ און גענף.

עס האָט געמוזט קומען אַ מענש, אַ דענקער, מיט אַ נאָמען אין דער וועלט ווי דער יוד ראַטענאַו, וועלכער איז געפאַלען פון אַ פּאַטריאָטישער קויל, כדי דורכצוברעכען די מויער, וואָס איז געשטאַנען צווישען דייטשלאַנד און דער איבעריגער וועלט...

אַ שטיק וועלט-געשיכטע איז אָפּגעשלאָסען, אָבער כדי די מענשען זאָלען נישט פערגעסען, אויף וועלכער וועלט זיי געפינען זיך, זענען אין די אייגענע טעג פאָרגעקומען בלוטיגע, געפעהרליכע, מען וואָלט געמענט אפשר זאָגען, ערשיטערענדע געשעהענישען אין מזרח-אַזיען.

דער בירגער-קריג פון כינאַ ווערט פערוואַנדעלט אין אַ קאַטאַסטראָפע פון גאַנץ אַזיען. ענגלאַנד האָט זיך דערזעהען געצוואונגען צו שיקען אַ גאַנצען פלאָט קיין כינאַ. אויב עס וועט זיך עפּעס נישט ענדערען, אויב עס וועט נישט קומען קיין נס, קאָן אויסברעכען אין דעם אַזיאַטישען מזרח אַ גרויסע מלחמה.

אפשר וועט דאָס אומגליק אויסגעמיטען ווערען

אפשר וועט דאָס קליינע פייערל, וואָס ברענט היינט אויך אין גריכענלאַנד און אין בולגאַריען נישט פערוואַנדעלט ווערען אין אַ גרויסער שרפה.

די גענפער שמחה האָט אָבער אויף יעדען פאַל נישט געקאָנט מאַכען דעם איינדרוק, וועלכען זי האָט געוואָלט אַרויסרופען.

דאָס איז דער גורל פון דער מענשהייט.

דאָס בעווייזט אויך, וואָס פאַר אַ גרויסע ראָלע עס קאָן און עס מוז שפּילען די גענפער טריבונע פאַר דעם אויסגלייך פון פעלקער און לענדער...

דערווייל זענען נישטאָ קיין אַנדערע וועגען צו דעם שלום צווישען פעלקער...

פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם*)

יודען אין איטאַליענישען ליבעראַליזם און פאַשיזם.

(ספּעציעל פאַר'ן „נייעם פאָלקסבלאַט").

פון דוד קליינלערער.

מיט אַ פּאַטריאָטישער התלהבות איז דאָס איטאַליענישע יודענטום, נאָך לאַנגע יאָהרען פון שמאַכטען אין די פינסטערע קרומע געטאָ-געסלעך צוגעשטאַנען צו דער גרויסער איטאַליענישער פרייהייטס-בעוועגונג „ריסאָרדזשימענטאָ". וועלכע האָט געשטרעבט צו אַ אומאָבהענגיגער ליבעראַלער איטאַליענישער מלוכה. דער אַנטייל פון די יודען אין דער דאָזיגער בעוועגונג, וועלכע איז געקרוינט געוואָרען מיט'ן איינגעהמען רוים, איז געוועזען ווירקליך אַ בעדייטענדער. עס איז ווערט נאָך צו דערמאָנען, אַז דער פּערזענליכער סעקרעטאַר און בעל-יועץ פון גרויסען, ליבעראַלען איטאַליענישען שטאַאַטסמאַן קאַוואָור איז געוועזען דער יוד איסאַק אַרטאָם, כדי צו אָפּשעצען די ראָלע פון די יודען אינ'ם בויען פון אַן'אומאָבהענגיגען, ליבעראַלער איטאַליען.

דער איטאַליענישער ליבעראַליזם און זיינע אָנפיהרער, וועלכע האָבען זיך געגענגעשטעלט דעם קלעריקאַליזם און דער פּויפּסטליכער ממשלה, פערווירקליכענדיג אין לעבען די פולסטע גלייכבערעכטיגונג פאַר אַלע בירגער אָהן אונטערשיד פון גלויבען האָט געפונען אין די רייהען פון איטאַליענישען יודענטום זיינע בעסטע אָנהענגער און זיינע טיכטיגסטע פערטיידיגער.

אַזוי זענען די צוויי יודישע מלוכה-מענער פון איטאַליען, לוצאַטי און סאָנינאָ, במשך פון צענדליגע יאָהרען געווען די שטאַרקסטע זיילען פון איטאַליענישען ליבעראַליזם און האָבען ענטוויקעלט אין דער רעגירונגס-פּראַקטיק און פערשפּרייט צווישען די ברייטע מאַסען די טראַדיציעס פון דער דאָזיגער פּאָליטישער ריכטונג.

דער יודישער גענעראַל און קריגס-מיניסטער אָטאָלענגי, וועלכער איז לענגערע יאָהרען געוועזען דער ערציהער פון היינטיגען איטאַליענישען קעניג, האָט אויך פיל געווירקט צו פערשטאַרקען די ליבעראַלע השפעות אין קעניגליכען הויף און אויפ'ן איטאַליענישען מאַנאַרך גופא.

דער פּאַטריאָטישער העכסט-אָפּפערוויליגער אַנטייל פון די איטאַליענישע יודען אין דער לעצטער מלחמה האָט פון איין זייט געשטאַרקט דעם פּרעסטיזש פון יודישען עלעמענט אין איטאַליען און פון דער אַנדערער זייט בעבונדען זיין גורל מיט'ן גורל פון איטאַליענישען ליבעראַליזם.

דאָס ענטשטעהען פון דער פאַשיסטישער בעוועגונג, וועלכע האָט נאָכ'ן בעקעמפען „די רויטע געפאַהר" ערקלערט מלחמה דעם גאַנצען ליבעראַלען רעזשים האָט זעלבסטפערשטענדליך געמוזט די איטאַליענישע יודען שטעלען אין נישט קיין קליינער פערלעגענהייט און אונזיכערקייט וועגען זייער ווייטערדיגער רעכטליכער און פאַקטישער לאַגע.

דאָס איטאַליענישע יודענטום האָט זיך דעריבער געהאַלטען בנוגע דעם פאַשיזם און צו מוסאָליני'ס רעגירונג אין רעזערוו. מען איז אַפילו געווען אין געוויסער מאָס פערזאָרגט צו אויף זיין ביזהעריגען קלאָהר-העלען הימעל וועלען זיך נישט בעווייזען טונקעלע וואָלקענס.

מוסאָליני, ווי עס שיינט, האָט אָבער פערשטאַנען דעם מאָראַלישען מצב אין וועלכע דאָס איטאַליענישע יודענטום האָט זיך געפונען נאָך זיין שטורץ פון מלוכה-לייטונג און אָפּגעבענדיג זיך אַ דין-וחשבון פון דעם פּאַטריאָטישען ווערט פון די איטאַליענישען יודען פון זייער איינפלוסרייכער שטעלונג אין לאַנד און דער אַכטונג, וועלכע זיי האָבען זיך ערוואָרבען האָט ער געזעהען ווי מעגליך נישט אָפּשטויסען פון זיך די יודען און אַפילו אויפצופאָדערען זייער מיטאַרבייט, הויפּטזעכליך אין ערשטען פעריאָד פון זיין רעגירונג.

מוסאָליני האָט אגב אַליין געהאַט אַ סך נאָהענטע יודישע פריינד, וועלכע האָבען איהם ווירקזאַם מיטגעהאָלפען און טובות געטון אין אָנהויב פון זיין מערקווירדיגער, פּאָליטישער קאַריערע... זיין רעכטע האַנד איז געוועזען דער יוד פינטשי, איינער פון די בעסטע איטאַליענישע לופט-פליהער, וועלכער האָט צוזאַמען מיט ד'אַנונציאָ אָנגעפיהרט מיט דער פיומע-עקספּעדיציע.

נאָכ'ן בעזעצען רוים מיט זיינע „שוואַרצע העמדער" ווערט פינטשי בעאויפטראַגט דורך מוסאָליני'ן אָנצופיהרען מיט'ן אינערן-מיניסטעריום, און ערשט נאָך דער מאַטעאָטי-געשיכטע האָט ער געמוזט פערלאָזען זיין פעראַנטוואָרטליכען פּלאַץ.

אַ נאָהענטע מיטאַרבייטערין פון מוסאָליני'ן איז די בעריהמטע מיילענדער יודישע שריפטשטעלערין מאַרגאַריטאַ סאַרפאַטי, וועלכע האָט צוזאַמען מיט'ן איטאַליענישען מושל אַרויסגעגעבען און רעדאַגירט דעם אָפיציעלען אָרגאַן פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי „לאַ דזשע ראַכיאַ". מאַרגעריטאַ סאַרפאַטי איז אונצווייפעלבאַר איינע פון די צענטראַלע פּערזענליכקייטען אין דער פאַשיסטישער בעוועגונג און האָט אַ גרויסען איינפלוס אויפ'ן איטאַליענישען דיקטאַטאָר אַליין, וועמענס אויספיהרליכע ביאָגראַפיע זי האָט פערפאַסט אין איינינע אייראָפּעאישע שפּראַכען.

אַ בעדייטענדע ראָלע שפּילט אויך די יודישע קינסטלערין אַמאַליאַ בעססאַ וועלכע איז ביז נישט לאַנג געווען פאָרזיצערין פון פעראיין פון די פאַשיסטישע פרויען און איהר טאָכטער איז פערהייראַט מיט'ן פרעזעס פון העכסטען איטאַליענישען קאַסאַציאָנס-געריכט, דיאַמעליזם.

דער יודישער סטודענט אילוואָ לעוון איז במשך פון 1922/23 יאָהר געווען פאָרזיצער פון די פאַשיסטישע אַקאַדעמישע פעראיינען און איינינע יודען שטעהען ביז איצט אין דער שפּיץ פון די געמיינדעס אין פערשידענע איטאַליענישע פּראָווינצען.

ווען דורך מוסאָליני'ס רעגירונג ווערט געשאַפען אַ קאָמיסיע פון 15 געלעהרטע יוריסטען, כדי צו ענדערען די איטאַליענישע קאָנסטיטוציע אין הסכם מיט די פאַשיסטישע רעגירונגס-פּרינציפּען ווערען בעאויפטראַגט מיט די וויכטיגסטע רעפעראַטען די יודישע מיטגלידער פּראָפעסאָר זשינאַ אַריאַס, באַראַנע און לעווי.

בשעת די וואַהלען צום פּאַרלאַמענט אין אַפּריל 1924 ווערען אויסגעוועהלט אויף דער פאַשיסטישער ליסטע די יודישע דעפּוטאַטען אַליוועטי, פאָרשטעהער פון די איטאַליענישע אינדוסטריעלער און דער בעוואוסטער דיכטער און דראַמאַטורג, סעם בענעלי.

ביי דער געלעגענהייט איז ווערט צו דערמאָנען, אַז בשעת דער וואַהל-קאַמפּאַניע האָט די פאַשיסטישע פּאַרטיי פערשפּרייט אַ בראָשור אין וועלכער עס איז געווען אָפּגעדרוקט די רעדע פון אַמעריקאַנער יודישען מיליאָנער אָטאָ קאהן, וועלכער לויבט די פאַשיסטישע רעגירונג און איהר פיהרער — בעניטאָ מוסאָליני.

די ערקלערונגען פון מוסאָליני אין פּאַרלאַמענט, אַז דער איטאַליענישער פאַשיזם האָט קיינע אַנטיסעמיטישע טענדענצען און די פערזיכערונגען אין דער דאָזיגער הינזיכט, וועלכע ער האָט געגעבען דעם רוימער רב-הכולל, דר. סאַטשערדאָטי האָבען אין געוויסער מאָס מיטגעווירקט צום דערנענטערען דאָס איטאַליענישע יודענטום צום נייעם רעזשים און מיטהעלפען איהם אין זיינע רעגירונגס-אויפגאַבען, הויפּטזעכליך אויפ'ן עקאָנאָמיש-פינאַנציעלען געביט.

די פּרובען פון פאַשיסט פּרעציאָסי אָנצופיהרען אַן'אַנטיסעמיטישע העצע אין זיין צייטשריפט „לאַ וויט איטאַליאַנאַ" האָט נישט געפונען קיין שום אָפּקלאַנג אין דער עפענטליכער מיינונג, שוין דעריבער ווייל דער איטאַליענער האָט נישט געקענט האָבען קיין צוטרוי צו אַ בלאַט, אין וועלכען עס האָבען מיטגעאַרבייט דייטשע האַקענקרייצלער, די פערביסענע געגנער פון איטאַליען.

די פּרוב צו שאַפען אַן'אַנטיסעמיטישע ליגע געשטיצט פון איינינע אונפעראַנטוואָרטליכע עלעמענטען האָבען נישט געפונען קיין ממשות'דיגען באָדען און זענען פערוועהרט געוואָרען דורך דער רעגירונג.

הגם דער פאַשיזם האָט אין איטאַליען וועזענטליך פערשטאַרקט די נאַציאָנאַליסטישע שטרעמונגען און דורך זיין פּילאָ-וואַטיקאַנישער פּאָליטיק פערמעהרט די קלעריקאַלע איינפלוסען, דאָך האָט ער, אָפּשאַצענדיג ווי געהעריג דעם פּאַטריאָטישען גייסט פון דער יודישער בעפעלקערונג און איהר שטעלונג אויף יעדען געביט פון געזעלשאַפטליכען לעבען, זיך נישט געלאָזט פערפיהרען אויף די געפעהרליכע אָפּוועגען פון אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק. (י.ט.א.)

*) מיר האָבען נעכטען געבראַכט אַן'אינטערעסאַנטען אַרטיקעל פון א. רעוואוצקי, וועגען דעם „אונטערגאַנג פון דיקטאַטורען".

אין דעם היינטיגען אַרטיקעל, פון דוד קליינלערער צוגעשיקט דורך י.ט.א. געפינען מיר אויך אינטערעסאַנטען אינפאָרמאַטיווען מאַטעריאַל, וועלכען מיר געפינען פאַר נויטיג צו פערעפענטליכען, הגם די מחותנים'שאַפט מיט'ן פאַשיזם איז פאַר אונז אַ גאַנץ קנאַפּער יחוס... רעד.

נײַער פאָלקסבלאַט
.15 סעפּטעמבער 1926

דאָס לאָדזער לעבען

נײַער פאָלקסבלאַט
.15 סעפּטעמבער 1926

15 מיט' ך ז תשרי תרפ"ז	סעפּטעמבער זון-אויפגאַנג 4.41 זון-אונטערגאַנג 6,32 לענג פון טאָג. 14

שטיצע.

פון נומער 3301 ביז 4245 און פון 1 ביז 850.

היינט פון 10 פריה ווערען אין מלוכה-אַמט פאַר אַרבייטסלאָזע (קאַשטשושקי 9) אויסגעצאָהלט ווערען אונטערשטי-צונגען פאַר אַרבייטסלאָזע, וואָס האָבען די לעגיטימאַציעס נומערן פון 3301 ביז 4245 און מאָרגען פאַר די, וואָס האָבען די נומערן פון 1 ביז 850.

טרינקט נישט קיין רויה וואַסער —
טיפוס איז אין שטאָט!

געוועזענע מיליטער-לייט ביים פרעמיער באַרטעל.

(ב) אַ דעלעגאַציע פון דער צווישענ-פעראיינס-קאָמיסיע פון געוועזענע מי-ליטער-לייט איז געווען אין וואַרשאַ און פאָרגעשטעלט דעם פרעמיער באַרטעל אַ מעמאָריאַל.

דער פרעמיער האָט צוגעזאָגט צו ער-לעדיגען אַלע פאָדערונגען פון די גע-וועזענע מיליטער-לייט, ספּעציעל האָט זיך דער פרעמיער פעראינטערעסירט מיט דער פראַגע פון מאָנאָפּאָל-קאָנצעס-יעס פאַר אַרבייטסלאָזע ג. מיליטער-לייט.

ווייטער האָט די דעלעגאַציע זיך פער-שטענדיגט מיט'ן אַרבייטס-מיניסטער, וועלכער האָט צוגעזאָגט צו בעשטימען אַ ספּעציעלען פאָרשטעהער פון געוו. מיליטער-לייט אין אַרבייטס-פערמיט-לונגס-ביוראָ.

פערשידענעס.

(מ) דער מלוכה-אַנשטאַלט אויף צו קאָנטראָלירען די לעבענסמיטעל-אַרטיק-לען האָט פעסטגעשטעלט, אַז די טשאַס-טעס און וואורשט אין אַ גאַנצע רייה בעוועלבער טויגען נישט צום געברויך. די איינהאַבער פון די געוועלבער זענען צוגעצויגען געוואָרען צו פעראַנטוואָרט-ליכקייט.

הכנסה-שטייער, וואַקסט ווי אויף הייוועז.

(ס) די שטייער-קאָמיסיעס פון הכנסה-שטייער פיהרען איצט אינטענסיוו די אַרבייט וועגען בעשטימען דעם שטייער אויפ'ן יאָהר 1926. אין פירטען פינאַנץ-אַמט זענען שוין די אַרבייטען פער-ענדיגט און די „נאַקאַזען" זענען שוין טונאַנדערגעשיקט געוואָרען.

ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, זאָל דער הכנסה-שטייער זיין זעהר אַ הויכער און וועט שטאַרק בעלאַסטען די שטייער-צאָהלער.

די עלעקטראָוניע בע'עולה'ט דעם מאַגיסטראַט.

(ב) ווי מיר דערוויסען זיך, האָט לעצטענס די לאָדזער עלעקטראָווניע בעצאָהלט דעם מאַגיסטראַט אַ חוב פון 2,400,000 זלאָטיס, וועלכע זאָלען אויס-גענוצט ווערען אַלס דעקונג פון מלוכה-חוב אויף קאַנאַליזאַציע-צוועקען.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האַלטען די אָפּאָזיציאָנעלע פראַקציעס פון מאַ-גיסטראַט, אַז די עלעקטראָווניע בעגעהט אַנ'עולה, צאָהלענדיג אין זלאָטעס, ווייל דער זלאָטי איז אין דער צייט געפאַלען מיט 90 פראָצ. די פראַגע זאָל בעטראַכט ווערען אויף די נאָהענטע זיצונגען פון שטאָט-ראַט.

טרינקט נישט אומגעקאָכטע מילך —
טיפוס איז אין שטאָט!

רעגיסטראַציע פון יאָהרגאַנג 1908

(מ) מאָרגען הויבט זיך אָן די רע-גיסטראַציע פון אַלע מאַנספּערשוינען אין דער שטאָט לאָדז, וואָס זענען געבוירען אין יאָהר 1908. די רעגיס-טראַציע קומט פאָר אויף טראַגוטאַ 10 פון 8 פריה ביז 3 נאָכמיטאָג, שבת פון 8 פריה ביז האַלב 2 אין פאָלגענדער אָרדנונג:

מאָרגען ד. 16 סעפּטעמבער דאַרפען זיך רעגיסטרירען די מאַנספּערשוינען וואָס זייער פאַמיליען-נאָמען הויבט זיך אָן A, Ba ביז Be, איבערמאָרגען דעם 17 B ביז סוף און C.

יעדער וואָס מעלדעט זיך צו דער רעגיסטראַציע דאַרף זיין געמאָלדען אין לאָדז, בעזיצען אַ פּאַס מיט אַ פאָטאָ-גראַפיע, אָדער אַנ'אַנדער דאָקומענט, וואָס זאָל פעסטשטעלען זיין פערזענ-ליכקייט. מ'דאַרף אויך מיטברענגען די שול-צייגניש. האַנדווערקער דאַרפען מיטברענגען אַ צייגניש וואו זיי אַרביי-טען. צו דער רעגיסטראַציע דאַרפען זיך מעלדען די יעניגע, וואָס קענען נישט אויפווייזען, אַז זיי זענען בירגער פון אַנ'אַנדער מלוכה. די בעזיצער פון „קאַרטי-פּאָביטו", אויב זיי האָבען נישט קיין אויסלענדישען פּאַס פון אַנ'אויס-לענדישע מלוכה דאַרפען זיך אויך רע-גיסטרירען, די פּוילישע בירגער וואָס געפינען זיך אין אויסלאַנד דאַרפען זיך מעלדען אין די קאָנסולאַטען.

ביי זעהר אַ וויכטיגען פאַל קען מען זיך רעגיסטרירען שריפטליך. די, וועל-כע וועלען זיך נישט מעלדען אין דעם געהעריגען טערמין וועלען אויף אַ אַדמיניסטראַטיווען אופן בעשטראָפט ווע-רען מיט 500 זלאָטיס שטראָף אָדער 6 וואָכען אַרעסט אָדער ביידע צוזאַמען.

זי לעבט פון יודען

נאָר צו פערדינען וויל זי יודען נישט געבען.

מלך קופּלעווסקי און יהושע יונקער גיבען איבער די פאָלגענדע געשיכטע:

אין לאָדז עקזיסטירט אַ פּוילישע גימ-נאַזיע מיט 70–80 פראָצ. יודישע שילער, וועלכע האַלטען אויס מיט זייער יודיש געלד די גימנאַזיע מיט איהר פערזאָנאַל און איהר דירעקטאָר. די דאָזיגע גימ-נאַזיע געפינט זיך אויף נאַרוטאָוויטש 58 און טראָגט דער נאָמען ווישניעווסקי.

האָט דער דירעקטאָר, וועלכער האָט געדאַרפט אויסטאָפּעצירען זיין וואוינונג בעשטעלט 2 יודישע מאָלער, אַז זיי זאָלען אויספיהרען די אַרבייט. איינער פון זיי איז יהושע יונקער, וואָס וואוינט אין'ם שכנישען הויז (נאַרוטאָ-וויטשאַ 56).

נעכטען זענען די בעשטעלטע בעלי-מלאכות געקומען צו דער אַרבייט, האָט זיי די פרוי פון דירעקטאָר ווישניעווסקי ערקלערט, אַז זי וויל נישט. אַז יודען זאָלען ביי איהר אויספיהרען וועל-כע נישט איז אַרבייט. מיט יודען, זאָגט זי, וויל זי נישט האָבען צו טון. די יודישע בעלי-מלאכות האָבען נישט געהאַט קיין ברירה און געמוזט אַוועק-געהן.

קאַמף געגען שקאַרלאַטין-עפּידעמיע

אויפרוף פון מאַגיסטראַט צו די עלטערן פון שול-קינדער.

די סעקציע פאַר שול-היגיענע ביים מאַגיסטראַט האָט אַרויסגעגעבען פאָל-גענדען אויפרוף צו די עלטערן:

שאַרלאַך איז אַ שווערע און גע-פעהרליכע קרענק פאַר קינדער, וואָס דערפיהרט אָפט צו טויט, אָדער פער-קריפּלונג. אפילו נאָכ'ן געזונט ווערען בלייבען אויף לאַנגע יאָהרען פאָלגען פון דער קרענק ווי טויבקייט, רינען פון די אויערען האַרץ-פעלערן, האַניעדע נירען-ענטצינדונג א. א. וו.

איצט ווערט אָנגעווענדעט דאָס שער-זיכערונגס-אימפען, וואָס גיט זעהר גוטע רעזולטאַטען.

די סעקציע פאַר שול-היגיענע ביים מאַגיסטראַט, ווילענדיג פערהיטען די שול-קינדער פון שאַרלאַך, וועט אין די שולען מאַכען פאַר די קינדער שיי-היטונגס-אימפונגען דורך די שול-דאָק-טוירים, די קינדער וואָס ווערען גע-אימפט, ווערען זעהר זעלטען קראַנק אויף שאַרלאַך, און אויב זיי ווערען אפילו קראַנק איז עס נישט געפעהרליך, די סעקציע ווענדעט זיך מיט אַנ'אַנ-פראַגע צו די עלטערן אויב זיי ווילען, אַז זייערע קינדער זאָלען געאימפט ווערען. אויב אין פערלויף פון דריי טאָג וועט נישט זיין קיין נעגאַטיווע תשובה פון די עלטערן, וועט עס בעטראַכט ווערען פאַר אַ הסכמה.

שולע.

(*) אין די שולען פון דער יודישער שול-אָרגאַניזאַציע (באָראָכאָוו-שולע, ציגעל-גאַס 26 און מעדעם-שולע, ציגעל-גאַס 17) האָבען זיך היינט אָנגעהויבען די למודים.

דער כח פון ליבע.

ער האָט זיך גע'שמד'ט צוליב אַ געליבטע קריסטין, איצט וויל זי זיך מגייר זיין צוליב איהר געליבטען יודישען מאַן.

ער איז נאָך דאַן געווען זעהר יונג און זי האָט איהם אַזוי בערוישט, אַז פון טיפער ליבע האָט ער בעשלאָסען זיך צו שמד'ען און חתונה-האָבען מיט איהר, מיט דער יונגער שעהנער קריס-טין.

ס'זענען אָבער אַוועק אַ פּאָר יאָהר און ס'האָט איהם אָנגעהויבען ציהען צום מקור, – צוריק צום יודענטום און ווי שטאַרק ער האָט נישט ליב-געהאַט זיין פרוי, האָט ער נאָך אַ לאַנגען אי-נערליכען קאַמף בעשלאָסען ביי זיך, אַז ער מוז ווערען צוריק אַ יוד.

ער איז געקומען אין ראַבינאַט, דער-צעהלט די מעשה און נאָכ'ן אַדורכפיה-רען די פערשידענע פאָרמאַליטעטען איז ער געוואָרען מיט מזל צוריק אַ יוד.

די געשיכטע ענדיגט זיך אָבער נאָך נישט. זיין געוועזענע פרוי, וועלכע האָט איהם נישט אויפגעהערט צו ליבען האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען זי האָט געזוכט אַנ'אויסוועג ווי אַזוי ווידער זיך צוזאַמענצוקומען מיט איהר געליבטען, מיט'ן (איצט שוין אַ געוועזענעם) מאַן און... האָט געפונען. (נעכ-טען איז זי געקומען אין היגען ראַבי-נאַט, דערצעהלט וועגען דער גאַנצער געשיכטע וועגען איהרע ליידען און בענקעניש און געבעטען מ'זאָל זי מגייר זיין, כדי זי זאָל קענען ווייטער לעבען מיט איהר געליבטען יודישען מאַן.

אין לאָדז טאָר מען אָבער נישט מגייר זיין קיין פרעמד גלויביגע. דער ראַבינאַט האָט זיך דעריבער פאָרגענו-מען אויסצופועל'ן אַ ספּעציעלע ערלוי-בעניש דערויף. און אויב דאָס וועט נישט געלונגען, שאַפען איהר די מעג-ליכקייט מגייר צו זיין זיך דאָרט וואו די אָרטיגע געזעצן ערלויבען עס.

נעגעל, נאָדלען און האָקעס

דאָס אַלץ האָט זיך געפונען אין אַ מענשליכען מאָגען.

אין אַ היגען קליניק איז מיט 10 טעג צוריק געמאַכט געוואָרען אַנ'אָפּעראַציע, וואָס וועט אַרויסרופען אַ סענסאַציע ווייט איבער די גרעניצען פון אונזער שטאָט און אפילו אין דער גאַנצער איי-ראָפּעאישער מעדיצינישער וועלט.

מיט 2 וואָכען צוריק איז צו אַ בע-קאַנטען היגען כירורג געקומען אַ דאַ-רענקער, קליינינקער יונגערמאַן פ, 23 יאָהר אַלט און האָט זיך בעקלאָגט, אַז ער פילט וועהטאָגען אין מאָגען דערביי האָט ער פערטרויט, אַז מיט אַ צייט צוריק האָט ער אַראָפּגעשלונגען עטלי-כע אייזערנע נעגעל.

דער דאָקטאָר האָט באַלד פעראָרד-נעט אַ רענטגען-אויפנאַהמע און ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז אין'ם יונגענמאַנ'ס מאָגען געפינען זיך ווירק-ליך אַ גאַנצע רייה האַרטע געגענ-שטאַנדען.

דער דאָקטאָר האָט דאַן פעראָרדענט אַ באַלדיגע אָפּעראַציע. די רעזולטאַטען פון דער אָפּעראַציע זענען געווען ווירק-ליך סענסאַציאָנעלע–אין'ם מאָגען האָ-בען זיך געפינען:

46 נעגעל, אַ צעהנדלינג אייזערנע האָקען, נאָדלען, אַ האָר-שפּילקע, אַ שטי-קעל פון אַ ראַזיר-מעסער אייניגע פון די געגענשטאַנדען זענען שוין געווען פעראָסטעט. אַ נאָדעל האָט שוין נעה[illegible] דורכגעלעכערט דעם מאָגען. די אָפּע-ראַציע איז אַ דורך נאָרמאַל.

ווי ס'שטעלט זיך אַרויס האָט דער ה' פ. זייט אַ פּאָר חדשים פאַר זיינע נאָהענטע געוויזען אַזעלכע קונצען און האָט געשלינגען אייזערנע זאַכען, די גאַנצע צייט האָט ער גאָרנישט געפיהלט אַ טייל פון די אַראָפּגעשלונגענע זאַכען זענען אַרויס אויפ'ן נאָרמאַלען וועג. דער וועהטאָג אין מאָגען איז ענטשטאַ-נען דורכדעם, וואָס אַ נאָדעל האָט דורכגעלעכערט דעם מאָגען.

נעכטען האָט ה' פ. אַ געזונטער פער-לאָזט דעם קליניק.

עס נישט אומגעשיילט אויבסט —
טיפוס איז אין שטאָט!

„נושאי המטה".

אַ סקאַנדאַליעזע מעשה, וואָס די מיטגלידער פון דער חברה האָבען אָפּגעטון אום ראש השנה.

דעם ערשטען טאָג ראש השנה איז אין לאָדז געשטאָרבען אַ 17 יאָהריג יודיש מיידעל, קימען די מיטגלידער פון דער שטאָטישער חברה „נושאי המטה" און ברענגען אַנ'אָנגעגרייטען קאָמפּלעט תכריכים, פאַר וועלכע מ'הייסט זיך בע-צאָהלען אַ יו"ט-פּרייז – 12 דאָלאַר און מ'נעהמט זיך צו ערלעדיגען די מצוה פון „נושאי המטה".

אויפ'ן בית-עלמין האָט מען געטראָ-פען דעם אָנגעשטעלטען פון דער קהלה ד. ראָזענצווייג און מ'האָט פון איהם געפאָדערט, אַז ער זאָל פער-אָרדנען מאַכען די קרקע און א. וו. אַזוי ווי די פאָרמאַליטעטען זענען נישט געווען ערלעדיגט, האָט זיך ה' ראָזענצווייג אָפּגעזאָגט עס צו טון. זענען די „נושאי המטה'ניקעס" געוואָ-רען אויפגערעגט און געוואָלט איהם שלאָגען, אָבער איהם איז געלונגען זיך פון זיי צו בעהאַלטען. האָבען זיי אויסגעזוכט דעם אינטענדאַנט ה' קאַ-לינסקי און פון איהם געפאָדערט דאָס זעלבע. ווען ה' קאַלינסקי האָט נישט קוקענדיג אויף די דראָהונגען אָהן אַ צעטעל פון דער קהלה און אָהן די פאָרמאַליטעטען נישט געוואָלט אויספיה-רען זייער פערלאַנג, האָבען זיי אַליין אויסגעזוכט און אויף אייגענע אחריות געבראַכט צו קבורה דעם בר-מנן.

חזן מיטעלבערג.

היינטיגען יו"כ וועט אין לאָקאַל פון שניידער-מייסטער-פעראיין פעטריקאָווער 20) דער בעקאַנטער חזן מיטעלבערג דאַווענען מיט זיין כאָר. ה' מיטעלבערג איז שוין אַ גוט-בעקאַנטער פערזאָן אין דער חזנישער וועלט און זיינע אָנהענ-גער האָבען אַנ'אמת'ן גענוס הערענדיג זיינע תפלות.

די איבערגעבליבענע פּלעצער קען מען קויפען אין לאָקאַל פון פעראיין (פעטריקאָווער 20).

אַ „עהרליכער" אַרבייטער.

(ב) וואַצלאַוו נויגעבויער, אַ לאָדזער איינוואוינער, האָט געדינט אַ לענגערע צייט אַלס פוראָבעק ביי אַ געוויסען שטעפערעק אין דאָרף ווייעזשקאָוו. די טעג האָט שטעפּערעק אָבגעזאָגט נויגע-בויער'ן פון דער אַרבייט. דער פוראַ-בעק האָט דעמאָלט בעשלאָסען צו בע'-גנב'ענען זיין ברויטגעבער. ער האָט זיך געשאַפט צוויי שותפים, וועלכע זע-נען אַריין דורך אַ פענסטער צו ש. און צוגענומען ביי איהם דאָס גאַנצע ביסעל מזומן און צירונג.

אַלס פערדעכטיגער אין דער גנבה איז אַרעסטירט געוואָרען נויגעבויער, וועלכער האָט זיך אָבער ביז איצט נישט מודה געווען. די פּאָליציי פיהרט אַנ'-אויספאָרשונג.

אנפאל

אויף אַ פּאָליציאַנט.

דער פּאָליציאַנט פון 7. פּאָליציי-קאָ-מיסאַריאַט נאָוואַקאָווסקי האָט נעכטען ביינאַכט בעמערקט אויף זשעלאַזנאַ-גאַס צוויי פערדעכטיגע פערזאָן, פּלוצלינג איז איינער פון זיי צוגעלאָפען צום פּאָ-ליציאַנט, דערלאַנגט איהם אַ קלאַפּ אין אויג. דער פּאָליציאַנט איז אַ פער'חלש'-טער אומגעפאַלען און די אָנפאַלער זע-נען אַנטלאָפען.

שפּעטער איז נאָוואַקאָווסקי געקומען צו זיך און זיך אַליין דערשלעפּט צו דער פּאָגאָטאָוויע, וואו מ'האָט איהם ערטיילט הילף.

וואַש די הענד פאַר'ן עסען —
טיפוס איז אין שטאָט!

ווי אזוי צו בעקומען אנ'ערלויבניש

פון דער מיליטער-מאכט אויף אנ'אויסלענדישען פאס?

די פראגע, ווי אזוי צו בעקומען אנ'אויסלענדישען פאס פאר פערזאנען, וועלכע אינטערליגען, אזוי אדער אנדערש, דעם אלגעמיינעם פליכט פון מיליטער-דינסט, ווערט ענטגילטיג רעגולירט דורכ'ן ארט. 84 פון געזעץ וועגען מיליטער-דינסט פון 23. מאי 1924 און די ארטיקלען 553 - 578 צום דערמאנטען געזעץ. לויט די אויסגערעכענטע פארשריפטען זענען די מיליטער-אנגעהעריגע פערזאנען, וועלכע ווילען בעקומען אנ'אויסלענדישען פאס, אונטערגעווארפען, אפהענגיג פון זייער עלטער און בעציהונג צום מיליטער-דינסט, פאלגענדע בעדינגונגען:

א) לאנדשטורמיסטען פון 40 ביז 50 יאהר און אנערקענטע דורך דער פאבאר-קאמיסיע פאר גענצליך אינפעהיג (ליטערא ע) צום מיליטער-דינסט בעקומען אנ'אויסלענדישען פאס אהן יעדער פערשטענדיגונג מיט דער מיליטער מאכט; 2) רעזערוויסטען (ליטערא א) און לאנדשטורמיסטען (ז. ט. דע צע) אין עלטער פון 26 ביז 40 יאהר בעקומען אנ'אויסלענדישען פאס, אויך אהן דער ערלויבניש פון דער מיליטער-מאכט; זיי דארפען אבער וועגען זייער ארויספאהר פון לאנד פערזענליך אדער שריפטליך (דורך א רעקאמענדירטען בריף) מעלדען דער פ. ק. או.; 3) רעזערוויסטען, וועלכע זענען נאך נישט אלט קיין 26 יאהר מוזען פארשטעלען אנ ערלויבניש פון דער פ. ק. או., בכדי צו בעקומען אנ'אויסלענדישען פאס און זענען אויך מחויב ביים פערלאזען דאס לאנד, וועגען דעם מיטצומיילען דער זעלבער פ. ק. או. און ד) אנ'ערלויבניש אויף אנ'אויסלענדישען פאס נישט פון דער פ. ק. או. נור און דער ק. א. ד., דארפען האבען די פאבאר פליכטיגע פון 18 ביז 20 יאהר און די אלע פערזאנען, וועלכע זענען נאך גענצליך פאר קיין פאבאר-קאמיסיע נישט געשטאנען, אדער יא שוין געשטאנען און אנערקענט געווארען פאר דינסט פעהיג, אבער אין די מיליטערישע רייהען נאך נישט אריינגעצויגען געווארען, וועלכע געפינען זיך אין אקטיווען דינסט, האבען בעקומען אנ'אדראטשעניע צוליב א קערפערליכען דעפעקט, אדער אפיעקונסטווא און אויך די, וואס זענען פערבליבען איבערן קאמפלעט.

דאנעגען די מיליטער-פליכטיגע, וועלכע האבען בעקומען אנ'אדראטשעניע צוליב שטודיום, אדער פראפ. פראקטיק און די אלע פערזאנען, וועמענס בעציהונג צום מיליטער-דינסט איז נאך נישט ענטגילטיג פעסטגעשטעלט, דארפען בעקומען פון דער פ. ק. או. אנ'ערלויבניש אויף אנ'אויסלענדישען פאס.

די מיליטער-פליכטיגע פערזאנען, וועלכע געפינען זיך אין איינע פון די אייראפייאישע מלוכות און ווילען איבערפאהרען אין א לאנד, וואס ליגט אין אנ'אנדער וועלט-טייל, אויב זיי זענען אין עלטער און 18 ביז 23 יאהר, אדער אפילו ביז 26 יאהר, נור בעניסען פון אדראטשעניעס, דארפען בעקומען אנ'ערלויבניש אויף אנ'אויסלענדישען פאס פון דער ד. א. ק. די אלע, וועלכע ווילען בעקומען אנ'אויסלענדישען פאס און מוזען לויט די דערמאנטע פארשריפטען האבען אנ'ערלויבניש פון דער מיליטער-מאכט, אלס איינס צי פון דער ד. א. ק. אדער פ. ק. או., דארפען וועגען דעם דערלאנגען א מאטיווירטע בקשה אין זייער אנגעהעריגע פ. ק. או. אויב דער פעטענט געפינט זיך ווייט פון זיין פ. ק. או. און איז נישט ביכולת צו בעווייזען זיין דרינגליכקייט פון דער רייזע, קען איהם ערטיילען אזא ערלויבניש אויך די ארטיגע אדער נאהענסטע פ. ק. או.

צו דער בקשה דארף מען ביילעגען דעם מיליטערישען דאקומענט, אויב עס איז אזעלכער פאראהן, אין אריגינאל אדער אין א רעגנאל-בעשטעטיגטען אפשריפט. די פערזאנען אין פאבאר-עלטער, וועלכע זענען נאך נישט צוגעצויגען געווארען, אדער יא שוין צוגעצויגען געווארען, האבען בעקומען אנ'אדראטשעניע, אדער זענען אורלאפירט געווארען, אדער געפינען זיך שוין אין אקטיווען דינסט, דארפען צו דער בקשה בעלייגען דאקומענטען, וואס בעשטעטיגען דעם צוועק און נויטווענדיגקייט פון דער רייזע. די פערזאנען, וועלכע פאהרען קיין אויסלאנד שטודירען, דארפען צו דער בקשה וועגען אנ'ערלויבניש אויף אנ'אויסלענדישען פאס בייליגען א בעשטעטיגונג פון א לעהר-אנשטאלט נישט דוקא, אז דער בעטרעפענדער איז אנגענומען, נאר עס איז גענוג, אז לויט די פארהאנענע קוואליפיקאציעס און פרייע וואקאנציעס קען ער ווערען אנגענומען אדער, ער מוז פערזענליך קומען זיך פערשרייבען.

די רעזערוויסטען אין עלטער ביז 26 יאהר בעקומען פון דער פ. ק. או. אנ'ערלויבניש אויף אנ'אויסלענדישען פאס אהן יעדער בעגרענצונג. די מיליטער-פליכטיגע פערזאנען, וועלכע געניסען פון אנ'אדראטשעניע אויפ'ן סמך פון זייער שטודיום, בעקומען פון דער פ.ק.או. ערלויבנישען אויף אויסלענדישע פעסער אויך אהן יעדע בעגרענצונג, אויב דאס פאהרען פון די בעטרעפענדע פערזאנען אין אויסלאנד איז פערבינדען מיט זייער שטודיום (פאהרען בכדי אנצוהויבען פארטצוזעצען אדער צו פערפאלקאמען זייער שטודיום, בעלייגען עקזאמען, אויסנוצען די וואקאציעס צו בעזוכען די עלטערן, משפחה אדער סתם אינטערעסאנטע מקומות) אדער זיי זענען געצוואונגען צו פאהרען אין אויסלאנד צוליב אויסערגעוועהנליכע סבות (קראנקהייט אדער טויט פון א פאמיליע-גליד, אפנעמען א ירושה א.אז.וו.) די דערמאנטע קאטעגאריע קען אויך בעקומען פון דער פ.ק.או. אנ'ערלויבניש אויף אנ'אויסלענדישען פאס אין פאל, ווען דער פעטענט פאהרט צוליב ספארט-צוועקען, אויף אויספלוגען, קאנגרעסען, צוזאמענפאהרען. די אלע אויס ערקלערטע אומשטענדען מוזען אבער דאקומענטאליש בעשטעטיגט ווערען דורך דער בעטרעפענדער מאכט אדער אינסטיטוציע.

די ד. א. ק. ערטיילט ערלויבנישען אויף אויסלענדישע פעסער די פאבאר-פליכטיגע פערזאנען אין עלטער פון 18 ביז 20 יאהר אויסנאהמסווייז א חוץ אין די שוין אויבענאויסגערעכענטע, נאך אין פאלגענדע פאלען: ווען דער פעטענט האט א בעמערקבארען קערפערליכען פעהלער און פערזעט זיך אויף אנ'ענטשפרעכענדע בעשטעטיגונג פון א רעגירונגס-דאקטאר, ווען ער עמיגרירט צוזאמען מיט דער גאנצער משפחה.

די ערלויבנישען פון דער מיליטער-מאכט אויף אויסלענדישע פעסער ווערען איבערגעגעבען די פעטענטען פערזענליך אדער דורך דער פערמיטלונג פון דער פאסט.

אין מאמענט, ווען עס איז פעראָרדענט געווארען דער פאבאר, אדער דאס אריינציהען אין די מיליטערישע רייהען פון זעלבען יאהרגאנג, אדער דער זעלבער יאהרגאנג ווערט גערופען אויף איבונגען אדער אויף א קאנטראל-פערזאמלונג, ווערט דאס ארויסגעבען פון אזעלכע ערלויבנישען תיכף אבגעשטעלט אויף אזוי לאנג, כל זמן די בעטרעפענדע פערזאנען האבען נישט ערפילט זייערע מיליטער-פליכטען.

די פערזאנען, וועלכע זייענדיג נאך אין לאנד, ווילען פערלענגערן די אויסלענדישע פעסער און מוזען דערויף, לויט די פארשריפטען, האבען אנ'ערלויבניש פון דער מיליטער-מאכט, דארפען לויט די אלגעמיינע אויבענאויסגערעכענטע כללים נאכאמאל דערלאנגען א בקשה אין דער פ. ק. או.

אין פאל, ווען די מיליטער-מאכט ענטזאגט א בקשה פון א מיליטער-אנגעהעריגען פערזאן ארויסצוגעבען אנ'ערלויבניש אויף אנ'אויסלענדישען פאס, קען דער פעטענט דערלאנגען אנ'אפעלאציע דורך דער פערמיטלונג פון דער אפזאגענדער אין א דירעקט העכערע אינסטאנץ, וועלכע דעצידירט שוין ענדגילטיג אין דעם ענין.

די פערזאנען, וועלכע זענען פערפליכטעט וועגען זייער ארויספאהר פון לאנד מעלדען דער אנגעהעריגער פ.ק.או. דארפען אין א רעקאמענדירטען בריף אנגעבען זייער נאמען און פאמיליע נאמען, געבורטס-יאהר, נאמען פון די עלטערן, פאקטיש וואוינארט, דאס לאנד און אויב ס'איז מעגליך אויך א גענויע אדרעס פון נייעם וואוינארט.

י. אינגעלד.

מלוכה'שער לאקאל-שטייער.

בקשה פון ארבייטער צו בעפרייען פון דאזיגען שטייער.

(או) א דעלעגאציע פון די קריסטליכע פראפעסיאנעלע פעראיינען האט איבערגעגעבען דעם וואיעוואדע א מעמאריאל וועגען דער מלוכה-שטייער פון לאקאלען.

צוליב דעם וואס דער מאטעריעלער צושטאנד פון די ארבייטסלאזע און אפילו פון א טייל וואס האבען איצט בעקומען ארבייט, איז זעהר א קלאגעדיגער, בעטען זיי, אז דאס מיניסטעריום זאל בעפולמעכטיגען דעם מאגיסטראט בעפרייען פונ'ם מלוכה שטייער פון וואוינונגען אלע וואוינונגען, וואס זענען אין 1914 יאהר געגאנגען נישט טייערער פון 150 רובל און אז אלע סטרושעס זאלען בעפרייט ווערען פון מלוכה און קאמונאלען שטייער דורכ'ן מאגיסטראט אהן א פערשטענדיגונג מיט דער פינאנץ-קאמער.

מיסברויך אין דער קראנקען-קאסע

(ב) קאטאזשינא פיאסעטשנא (פיעטריקאווער 52) האט זיך געווענדעט צום שעף פון דער צווייטער לעטשניצע פון קראנקען-קאסע מיט אנ'אנקלאגע אויף דעם קאסירער, וועלכער וויל איהר נישט אויסצאהלען די קראנקהייטס-אונטערשטיצונג.

די אויספארשונג האט ארויסגעוויזען, אז דאס געלד איז אפגענומען געווארען מיט א פאר טאג פריהער אויף א בעפולמעכטיגונג פון דער פיאסעטשנא, וועלכער האט דערפון גארנישט געוואוסט.

אין א פאר שעה ארום האט דער קאסירער בעמערקט א מיידעל, וועלכע האט קוויטירט דאס געלד פאר די פיאסעטשנא. דאס מיידעלע איז פערהאלטען געווארען און ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז זי האט געפעלשט די בעפולמעכטיגונג.

די קליינע שווינדלעריז איז ארעסטירט געווארען און דאס געריכט פאר מינדיעהריגע האט זי פער'משפט אויף 6 וואכען ארעסט.

פאליטישער ארעסטאנט בעגעהט זעלבסטמארד אין טורמע.

(ב) נעכטען נאכמיטאג, ווען די פאליטישע ארעסטאנטען אין דער טורמע אויף גדאנסקא זענען ארויסגעגאנגען פון די קאמערן אויף א שפאציר, האבען זיך פון דעם שפאציר אבגעזאגט צוויי ארעסטאנטען. צוליב דעם זענען זיי פערשלאסען געווארען אין זייער קאמער.

אין א צייט ארום איז איינער פון די ארעסטאנטען ענטשלאפען געווארען, פלוצלינג האט ער דערשפירט, ווי עמיץ האט איהם א ריס געגעבען, ווען ער האט זיך אומגעקוקט, האט ער בעמערקט, ווי זיין חבר אברהם אויזער פאלט אויף דער ערד און פון זיין מויל רינט בלוט.

מען האט באלד אלארמירט דעם טורמע-נאטשאלניק, וועלכער האט גערופען דעם טורמע-פעלדשער. יענער האט פעסטגעשטעלט, אז דער ארעסטאנט האט זיך פערוואונדעט אין האלז מיט א שטומפען אינסטרומענט. נאכדעם ווי דער פערוואונדעטער איז באנדאזשירט געווארען, האט מען איהם אבגעשיקט אין שפיטאל.

וועגען דעם פארפאל דערוויסען מיר זיך, אז אויזער איז פער'משפט געווארען אויף 2 יאהר טורמע דורך דעם היגען קרייז-געריכט און אין דער טורמע זאל ער האבען ערהאלטען א בריף פון זיין כלה, וועלכע האט געשריבען, אז זי קען נישט ווארטען אויף עור'ן צוויי יאהר און זי פאהרט אוועק פון לאדז.

דער בריף האט זעהר אויפגערעגט דעם ארעסטירטען און ער זאל האבען צוליב דעם בעגאנגען זעלבסטמארד.

דאס גרויסע געווינס איז אריינגעפאלען קיין ווארשא.

נעכטען האבען מיר מיטגעטיילט, אז דער גרויסער געווינס פון 350.000 זלאטעס, וואס איז אויסגעפאלען אויפ'ן נומער 58.669 איז אריינגעפאלען קיין לאדז און איז פערקויפט געווארען אין דער קאלעקטור פון שמחה ראזענשטראך (ציגעל-גאס, 55).

ווי מיר דערוויסען זיך האט ביים זעלבען קאלעקטאר ה' ראזענשטראך יענער גאנצער לאז געקויפט א ווארשאווער ייד דאווידאוויטש (ווארשא פאנסקא 20) און ער האט עס טאקי זוכה-גורל געווען.

„נאחאשטשי".

אין קינא „נאוואשטשי" ווערט דעמאנסטרירט מיט גרויס-ערפאלג דאס בילד לויט'ן ראמאן פון באלזאק א. נ. „די צווייטע טויט-זינד". מיט רודאלף וואלענטינא אין דער הויפט ראלע. דער נישט-לאנג פערשטארבענער רודאלף וואלענטינא האט אין לאדז זעהר פיל אנהענגער, דאס בילד וועט דעמאנסטרירט ווערען ביז פרייטאג.

יודיש-טעאטער-טראגעדיע.

(אנשטאט א רעצענזיע).

דאס יודישע טעאטער אין פוילען לעבט איצט איבער זעהר א שווערען איבערגאנגס-פעריאד.

עס קראכט און פאלט דאס אלטע טעאטער און דאס נייע — האלט זיך נאך צומאל נישט ביים שאפען; מען הערט אפילו נישט עס זאל זיך וואו-נישט-וואו אריהר-טון, א בעוועג-טון וועמענס עס איז א האנד, אויף אנצוהויבען שאפען, אויף אנצוהויבען בויען דאס נייע יודישע טעאטער, אויף די שוין זעהר בולט'ע חורבות פון אלטען טעאטער.

דאס אלטע יודישע טעאטער, האט זיך אליין איבערגעלעבט, איז זיך אליין איבערגעוואקסען און שטעהט איצט אפגעלעבט און פערוועלקט.

איבער די פוילישע שטעט און שטעטלעך וואנדערען איצט נאך ארום שאטענס פון אלטען טעאטער, שטעלען דא און דארט נאך אויף זייערע וואקלדיגע געצעלטען, לאזען נאך הערען זייער הייזעריגען, אלטען און קרענקליכען אטעם און מען זעהט שוין בולט, אז מען שטעהט פאר יציאת נשמה...

דאס אלטע שטארבט, נאר דעם געבורט פון נייעם, זעהט מען נאך נישט.

דאס יודישע טעאטער אין לאדז איז אויך נישט געבליבען מחיץ דעם טרויריגען גורל פון יודישען טעאטער אין פוילען.

פונקט ווי ווארשא, איז אויך דאס יודישע טעאטער אין לאדז געבליבען אהן א היים, אהן א בארען — אויף דער גאס.

פאר אונזערע אויגען שלעפט זיך ארום דער אלטינקער טעאטער היימלאז, עלענד, אהן א דאך איבער זיין אלטען מידען קאפ.

לאדז איז אהן א יודיש-טעאטער.

דער „סקאלא"-בנין איז פערמאכט, דראפעט זיך דער אלטער קרענקליכער טעאטער צווישען די ווענד פון „פילהארמאניע", קלאפט דארט צונויף א פאר ברעטלעך, א פאר פלאכטעלעך און קרעכצט ארויס א ביסעל טעאטער.

א ביטערער רחמנות נעמט אויף דעם אלטינקען.

די גרעסטע טראגעדיע פון א זקן איז די היימלאזיגקייט.

נאך גרעסער איז אבער די טראגעדיע פון יונגע, וואס מוזען טראגען אויף זייערע יונגע לעבענסלוסטיגע פלייצעס דעם היימלאזען גוססדיגען זקן. — — —

זעהר טרויריג און אומעטיג ווערט אויפ'ן געמיט צוזעהענדיג ווי קערנדיגע און שפראצלדיגע טאלאנטען פערוועלקען זייערע זאפטיגע כחות אויף דעם פרוכטלאזען באדען פון איצטיגען יודישען טעאטער.

איך זיץ אין „פילהארמאניע" און קוק זיך צו וואס עס טוט זיך אב אויף די ארימע ברעטלעך, אויף וועלכע ס'ווערט פארגעשטעלט דאס טעאטער-שפיל. זעהר פיינליכע מחשבות בעפאלען מיך. ביים יודישען טעאטער האט מען א פאר צעהנדלינג יאהר געארבייט, געליטען און פיל קרבנות געבראכט. פערשידענע גלגולים האט דאס יודישע טעאטער איבערגעמאכט, נאר דער איצטיגער גלגול איז א גרויזאם שפל'דיגער.

לאדז האט תמיד געהאט א בעסער יודיש-טעאטער. ארום יודישען טעאטער אין לאדז האט גערוהט די זארגפעלטיגקייט. לאדזער עולם פלעגט שטעלען גרעסערע פאדערונגען, זאנדבערג און אדלער, האבען דערפון געוואוסט און זיי פלעגען זיך דערמיט רעכענען. און איצט — איצט איז דאס יודישע טעאטער אין לאדז היימלאז און קיינער קוקט זיך אפילו נישט אום, קיינער ווענדעט נישט די מינדעסטע אויפמערקזאמקייט, אז מען דארף שאפען א היים פאר דער יודישער סצענישער קונסט.

עס איז מעהר ווי א סקאנדאל צוצוקוקען, ווי מעכטיגע ארטיסטישע כחות צוברעקלען זיך אויף נארישקייטען און באנאליטעט.

איך בין געזעסען מיט גרויס הארצווייטאג און צוגעקוקט צום „קרבן פון א שוועסטער", וואס ווערט אומגעשפילט אין „פילהארמאניע".

אוי קוטנער, קוטנער! דו פון גאטגעבענשטער קוטנער, ווייסטו כאטש צו וואסערע הויכע קינסטלערישע מדרגה דו דערהויבסט זיך אין דער ראל פון 70-יעהריגען שמואל? צי ווייסטו כאטש ווי גרויס עס איז דיין טראגעדיע, דיין ארטיסטישע טראגעדיע, ווען דו טובל'סט דיין נאטירליכען טאלאנט אין אזעלכע שפל'דיגקייטען, וואס דו פיהרסט ארויף אויף די קבצנ'ישע טעאטער-ברעטלעך?

צי ווייסטו דאס?

איך בין איבערצייגט, אז קוטנער ווייסט דערפון און ליידט נישט ווייניג פון זיין טראגעדיע, וואס איז די טראגעדיע פון יודישען טעאטער.

איך שטעל זיך אפ ספעציעל אויף קוטנער'ן ווייל דאס מאל האט מיך קוטנער ממש דערשיטערט מיט זיין אויסערגעוועהנליכע פערקערפערונג פון 70 יעהריגען שמואל אין דעם „קרבן פון א שוועסטער". אזויפיל ארטיסטיש קינסטלערישען כח, וואס קוטנער בעווייזט דאסמאל, איז זעלטען ווען צו זעהן אויף דער ביהנע.

וואס קומט ארויס דערפון, וואס זיידערמאן, פר. לערנער, שושנה, האמבורגער, הילסבערג פר. פאדערמאן א. אנד. בעמיהען זיך צו דערהאלטען די גאנצקייט פון אנסאמבל, אז זיי ווערען אויך מיטגעשלעפט מיט'ן טראגעדיע-שטראם פון יודישען טעאטער.

א טעאטער-מענש.

טעטיגקייט פון „אָרט“.

זיצונג פון צענטראַלען קאָמיטעט.

דעם 4-טען סעפּטעמבער ד. י. איז פאָרגעקומען די זיצונג פון דער צענטראַל-קאָמיטעט פון דער געזעלשאַפט „אָרט“ אין פּוילען.

פון דעם בעריכט, וואָס די עקזעקוטיווע האָט צוגעשטעלט צו דער דערמאָנטער זיצונג, איז צו זעהן, אַז פאַר דער לעצטער צייט האָט זיך די אַרבייט פון דער געזעלשאַפט ענטוויקעלט אויף אַלע געביטען. פאַר׳ן פערגאַנגענעם לערן-יאָהר האָבען די אַנשטאַלטען פאַר פּראָפעסיאָנעלער בילדונג פון „אָרט“ אַרויסגעלאָזען 569 געענדיגטע שילער (פון זיי 286 מענער און 283 פרויען). אַזאַ גרויסע צאָהל איז נאָך נישט דערגרייכט געוואָרען אין די פריהערדיגע יאָהרען. דער דראַנג אין די פאַך-שולען פון „אָרט“ איז היי-יאָהר געווען אויף אַזוי פיל גרויס, אַז נאָר אַ קלייגער טייל פון די, וואָס האָבען געוואָלט אָנקומען אין די פאַך-שולען האָבען גע-קאָנט אָנגענומען ווערען. אין וואַרשא איז אויף 40 פרייע ערטער דערלאַנגט געוואָרען 220 ביטעס. אין בריסק אויף 10 פרייע ערטער — 80 ביטעס א. אַז. וו. אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פעסט-געשטעלטער נויט אין פאַך-בילדונג, בעזונדערס פאַר די יוגענטליכע, האָט דער צענטראַל-קאָמיטעט בעשלאָסען צו פערברייטערען די נעץ פון זיינע פאַך-שולען.

כדי אויפצוהויבען די טעכנישע אויס-בילדונג פון די אינסטרוקטאָרען און לעהרער פון די „אָרט-שולען“ איז בע-שלאָסען געוואָרען צו אָרגאַניזירען פון צייט צו צייט קורצטערמיניגע פאַך-דערגענצונגס - קורסען. אין יולי היי-יאָהר זענען שוין פאָרגעקומען אַזעלכע קורסען פאַ די אינסטרוקטאָרינס פון די דאַמען-שניידעריי-שולען. אַ ענליכער קורס פאַר די אינסטרוקטאָרען פון די סטאָלעריי-שולען ווערט צוגעגרייט און וועט דורכגעפיהרט ווערען אין די נאָהענטסטע מאָנאַטען.

עס ווערען אויך אויסגעאַרבייט נאָר-מאַלע לערן-פּראָגראַמען פאַר פערשידע-נע פאַכען.

פאַר דער ערשטער העלפט פון׳ם לויפענדען יאָהר האָבען אַלע פאַך-שולען פון „אָרט“ געהאַט הוצאות — 240,000 זל. פון׳ם צענטראַל-קאָמיטעט האָבען די פאַך-שולען פאַר דער אָנגע-וויזענער צייט בעקומען סובסידיעס אין דער גרויס פון — 120,000 זל. איינציגע שולען (אין וואַרשא, פּיעטריקאָוו, קאָוועל, גראָדנא, ביאַליסטאָק און ראַדנא) בעקומען סובסידיעס פון די אָרטיגע מאַגיסטראַטען. דאַגעגען פון רעגירונגס סובסידיעס געניסט נאָר איין און איינ-ציגע שול — די פּיעטריקאָווער, וועלכע האָט פאַר׳ן פערלאָפענעם יאָהר בעקו-מען פון דער רעגירונג — 1,000 זל.

דער צענטראַל - קאָמיטעט האָט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט בעשלאָסען צו ווענדען די אויפמערקזאַמקייט פון די רעגירונגס-קרייזען אויף דער שווערער פינאַנציעלער לאַגע פון די יודישע פאַך-שולען און פערלאַנגען פון זיי אַ געהעריגע רעגירונגס-סובסידיע.

אויפ׳ן געביט פון שטיצע פאַר דער יודישער לאַנדווירטשאַפט האָט די געזעל-שאַפט פאַר׳ן לויפענדען יאָהר אַרויס געגעבען 205 הלואות פאַר יודישע ערד-אַרבייטער און גערטנירער אויף דער אַל-געמיינער סומע פון— 35 000 זל. די הלואות זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען הויפּטזעכ-ליך אויף זריעות, לעבעדיגען און טויטען אינווענטאַר, ווי אויך אויף איינציגע קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעהמונגען אין די יודישער קאָלאָניעס. אין איינציגע פון די לעצטע זענען געגרינדעט געוואָרען יו-דישע לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַ-טיוועןֹ. אַזעלכע קאָאָפּעראַטיוען זענען שוין געגרינדעט געוואָרען אין 8 יודי-שע קאָלאָניעס און האָבען שוין בעווי-זען עפּיס אויפצוטון אין דעם פּרט פון דערהויבען די יודישע לאַנדווירטשאַפט אויף אַ העכערן טעכנישען מצב און איינ-צופיהרען נייע לאַנדווירטשאַפטליכע קול-טורען. דער צענטראַל - קאָמיטעט האָט בעשלאָסען ווייטער פאָרטצוזעצען די גרינדונג פון לאַנדווירטשאַפטליכע ישובים און האָט אַסיגנירט די סומע פון 50 טויזענד זל. אויף הלואות פאַר די יודי-שע לאַנדווירטען, ווי אויך פאַר די לאַנד-ווירטשאַפטליכע אינטערנעהמונגען פון דעם „החלוץ“.

אַלס סובסידיע פאַר די פאַך - שולען פון „אָרט“ אין פּוילען אויף די נעכסטע 6 חדשים איז אַסיגנירט געוואָרען פון׳ם צענטראַל-קאָמיטעט אַ סומע פון 95.000 זלאָטעס.

דער צענטראַל - קאָמיטעט האָט אויך בעשלאָסען צוטרעטען באַלד נאָך יום-טובים צו אַ ברייטער פּראָפּאַגאַנדע מיט׳ן צוועק צו פערגרעסערן די מיטגלידער שאַפט פון דער געזעלשאַפט.

צום שלוס האָט דער צענטראַל-קאָמי-טעט בעטראַכט די איינלאַדונג פון דער „געזעלשאַפט איינצואָרדנען יודען אויף ערד אין רוסלאַנד“ („אָזעט“) אויף איהר צוזאַמענפאָהר, וועלכער זאָל פאָרקומען ד. 15. נאָוועמבער אין מאָסקווע. דער צענט-ראַל-קאָמיטעט האָט אָנגענומען אַ פּאָזי-טיווע שטעלונג צו דער איינלאַדונג און בעשלאָסען שיקען אויפ׳ן צוזאַמענפאָהר אַ דעלעגאַציע פון 2 מיטגלידער. אַלס דעלעגאַטען זענען אָנגעמערקט: דר. מ. זילבערפאַרב, ב. כהן, דר. י. שיפּער און דר. א. ביעגון.

Dr. L. LEWITAN
נעהמט אָן אין דערהיים פון 4 אַז 6 אָווענד צו קליניק-פּרייזען.
31 גדאַנסקא 31.

רעיעל אין בירינג!
דעם גרעסטן אויסוואַהל פון
שטירהל געבעטע
פון אייגענער טישלעריי.
פּערש, פּאָסטנער, אויך טאַפּעצירער-אַרבייט,
מאַטראַצען, האַמאַקעס, אַטאַמאַנעס.
רעפּעראַטורען צו ביליגע פּרייזען.
איז נאָר צו בעקומען ביי
ג. לעוואַקאָוויטש, לאָדז,
פּולנאָצנאַ 5, אין הויף רעכטס.
קומט און איבערצייגט אייך!
רעיעל און ביליג!

יורידישע עצות.

אין דער דאָזיגער אַפּטיילונג גיט די רעדאַקציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט“ ענטוואָרטען אויף יורידישע אָנפראַגען, וואָס ווערען צוגעשיקט נאָר שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופּאָן.
יורידישע אַפּטיילונג
פון „נייעם פאָלקסבלאַט“

ביים דערלאַנגען אַן אָנפראַגע אויף אַ יורידישע עצה דאַרף צוגעלעגט ווערען דער קופּאָן מיט דער ראַטע פון טאָג, ווען די אָנפראַגע ווערט אַריינגע-געבען. אויף אָנפראַגען אָהן קופּאָן וועט קיין ענטפער נישט געגעבען ווערען.

גילטיג דעם 15. סעפּטעמבער 1926.

2082. ק. י. פון זגערזשער גאַס.

אויב דאָס וועגטעל וועט נישט אָנ-שפּאַרען ביז צום באַלקאָן און אויך נישט רואינירען ביים בעפעסטיגען די זייטען-ווענד קאָנט איהר זיך דאָס אויפשטע-לען אפילו אָהן דער הסכמה פון הויז-ווירט. דער אומשטאַנד, וואָס איהר צאָהלט דירה-געלד פּינקטליך, אָדער וואוינט אין איין צימער, האָט צו דער פראַגע קיין שייכות נישט.

———

2083. א הויזבעזיצער.

דער אַרטיקעל 1144 פון ציוויל קאָ-דעקס קאָן אין דעם פאַל נישט אָנגע-וואָנדען ווערען, ווייל אין אָנקלאַגען קע-גען לאָקאַטאָרען וועגען עקסמיסיע, דאַרף מען נישט בעצייכענען בעזונדער o rozwiązanie umowy najmu אַלענפאַלס קאָן מען פון דעם קיין יורי-דישען גערויך נישט מאַכען.

———

2084. אַ לעזער פון גלובנא נ. 62.

פאַר אייער יאָהר-גאַנג איז מעגליך צו בעקומען אַנ׳ערלויבניש אויף אַ אויסלענדישען פּאַס בלויז אין אויסער-געוועהנליך וויכטיגע פאַלען. אין דער פּ. ק. או. האָט איהר קנאַפּע שאַנסען, אַז אייער בקשה זאָל בעפרידיגט ווע-רען. איהר וועט אַלזאָ מוזען זיך ווענ-דען שפּעטער אין די העכערע אינסטאַנ-צען. אַלענפאַלס איז דאָס אַ פּראָצעדור, וואָס דאַרף דויערן אַ לענגערע צייט אויב איהר מוזט שוין אין אַנדערן חודש האָבען דעם אויסלענדישען פּאַס — ראַטען מיר אייך די אַקציע נישט אונ-טערצונעהמען, ווייל איהר וועט זי צום טערמין נישט קענען דורכפיהרען.

———

2085. פּ. נ—טש.

אויב דער ווירט וועט שפּעטער אַנערקענען פאַר אומגילטיג, ממילא קאָן דער פּעראינטערעסירטער צד דערלאַנ-גען אַ בקשה אין געריכט, אַז מען זאָל אויך אַנולירען דעם אויקלאַד, וועלכער איז אויפ׳ן סמך פון זעלבען ווירט צווי-שען די צדדים צושטאַנדען געקומען.

———

2086. אַ לעזער פון דרעוונאָסקאָ.

אויב איהר קאָנט זיך נישט פערלו-פען אויף אַ שריפטליכען דאָקומענט ראַ-טען מיר אייך, בעסער דעם ענין אי-בערצוגעבען אַ שידס-געריכט.

———

2087. אַ. א—טש.

אָהן אַ שטראָף וועט דער ענין נישט דורכגעהן. אין בעסטען פאַל קאָן מען אייך בעשטראָפען מער נישט פאָרזיכ-טיג זיין ביים קויפען. עס דראָהט דער-פאַר אַרעסט, עווענטועל א געלט-שטראָף. אַזוי קוואַליפיצירט ווערען קאָן דער פער-ברעכען אין דעם פאַל, ווען די אויס-פאָרשונג וועט פעסטשטעלען, אַז איהר פיהרט אַ לעגאַלען האַנדעל מיט דעם זעלבען אַרטיקעל, אַז איהר האָט די קווּעסטיאָנירטע סחורה געקויפט ביי אַ דערוואַקסענעם און לויט׳ן אויסזעהן נישט פערדעכטיגען מענש, בעצאָהלט אַ געגו-גענדען פּרייז, נישט דער פערקויפער אין נישט איהר האָט די סחורה געהאַט בעהאַלטען. פערשטעהט זיך, אַז דער אומשטאַנד, וואָס איהר זענט נאָך נישט געווען פאַר׳ן משפּט, אָדער אפילו פערדעכטיגט אין האַנדלען מיט גנבה׳-שע זאַכען איז אויך פאַר אייך גינסטיג.

———

2088. אַ סוחר פון פּעטריקאָווער ג.

לויט׳ן אַרטיקעל 4 פון דער פער-אָרדנונג פון פינאַנץ-מיניסטער פון 15. יולי 1926 (רז. אוסט.) נומר 86 פאָז 482) קאָנט איהר דעקען דעם חלק אין אויס-לענדישע וואַלוטע דורך דער פּערמיט-לונג פון וועלכע ס׳איז דעוויזען-באַנק. איהר דאַרפט נור בעלעגען די פאַקטורע פון דער אויסלענדישע פירמע, ווען איהר זענט שולדיג דעם חוב און דעם קוויט פון צאָל-אַמט.

Dr. med. I. WAJNBERG
Cegielniana 47 tel. 26-02
אונטערלייבליכע קראַנקהייטען. ספּעצ. לונגען און האַרץ-קראַנקהייטען בעשטראַהלונגען מיט קונסטליכע בערג-זון.
נעמט אָן פון 3—5 נאָכמיטאָג. 31ד

צוליב פרויען-הענדלער

איז דורכגעפאַלען די אַקציע פאַר פּוילישע יודען אין אַרגענטינע.

(פון אַ פּריוואַטען בריף פון בוענאָס איירעס.)

...ביי אונז געהט זינט חודש מערץ דער קאַמפּיין (די אַקציע) פאַר די יודיש-וועלטליכע שולען אין פּוילען, אָבער צום בעדויערען האָט ער ביז איצט דעם גע-העריגען רעזולטאַט ניט געגעבען, צו-ליב גאָר אומגעריכטע און ניט פאָראויס-געזעהענע סבות.

כדאי עס צו דערצעהלען.

נאָכדעם ווי דער ווייה-געשריי פון פּוילישען יודענטום איז דערגאַנגען אַהער און נאָך פילמאָליגע אויפפאָדערונגען מצד דער יודישער פּרעסע מיט אַנ׳אַפּעל צום „פּויליש-יודישען פערבאַנד“ אַלס דער איינציגער, וועלכער דאַרף עפּעס פאָרנעמען, צו לינדערן אויף וויפיל ניט איז די נויט פון פּוילישען יודענטום,— האָט דער פערבאַנד צונויפגערופען אַ גרינדונגס-פערזאַמלונג, איינגעלאַדען דעם היגען ליטעראַטען-פעראיין, אַקטיאָרען-פעראיין, אַלע עקזיסטירענדע פּוילישע לאַנדסמאַנשאַפטען, קולטורעלע, געזעל-שאַפטליכע אינסטיטוציעס און אז. וו.

ס׳איז באַלד ביי דער ערשטער פער-זאַמלונג ענטשטאַנען אַ ויכוח וועגען דעם ווי די אַקציע זאָל געפיהרט ווערען, ד. ה. אויף וועלכע צוועקען דאָס געלט זאָל געהן. דער „פּויליש-יודישער פער-באַנד“ ס׳רוב אַלט-געזעסענע דאָ, האָט געפאָדערט, אַז די אַקציע זאָל געהן אויף פילאַנטראָפּישע צוועקען און הגם זיי האָבען זיך פערזאָרגט מיט גאַנצע 5 בענקלעך (דער גאַנצער קאָמיטעט איז בעשטאַנען פון 11 מיטגלידער) איז זיי עס ניט געלונגען דורכצופיהרען. ס׳איז מיט אַ רוב דעות אָנגענומען געוואָרען, אַז די אַקציע ווערט איינגעטיילט אין 2, ד. ה. קאָנסטרוקטיווע הילף און הילף פאַר די יודיש-וועלטליכע שולען און צוערשט געהט די אַקציע פאַר די שולען.

די אויבערהאַנד האָט גענומען דער ליטעראַטען-פעראיין, וועלכער האָט בע-שטימט זיינעם אַ מיטגליד, דעם יונגען שריפטשטעלער מלאך, פאַר׳ן טעכנישען סעקרעטאַר און פאַקטישען אויספיהרער פון דער אַרבייט.

אָבער סיי דאָס ערשטע, וואָס דער ליטעראַטען-פעראיין האָט גענומען די אויבערהאַנד, סיי דאָס צווייטע, וואָס מלאך איז געוואָרען סעקרעטאַר, האָבען געבראַכט דעם טויט פון דער אַקציע.

געשעהן איז עס אויף פאָלגענדען אופן: אָט דעם מלאך האָט זיך פער-וואָלט אָנשרייבען אַ דראַמע פון רופיאַ-נישען לעבען (פרויען-הענדלערס), גע-הייסען האָט זי „איבערגוס“. ער האָט זי פערענדיגט און געבראַכט אין אַ היגען יודישען טעאַטער פאַר די אַק-טיאָרען דורכצולייענען, כדי נאָכדעם צו שטעלען זי אויף דער ביהנע. נאָר שוין ביים דורכלייענען זי האָט דער דירעקטאָר פון טעאַטער דערקלערט, אַז ער וועט די דראַמע נישט שטעלען, ווייל זי ריהרט אָן דעם כבוד פון זיינע בעזוכער — רופיאַנעס.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַ סקאַנדאַל, מלאך, וועלכער איז אויך אַ מיטאַרביי-טער אין דער היגער „פּרעסע“ איז אַרויס מיט אַ פּראָטעסט-אַרטיקעל אין דער צייטונג, פערדאַמענדיג די האַנד-לונג פון דירעקטאָר, וועלכער האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די רופ-יאַנעס.

די „יודישע צייטונג“ האָט זיך גע-שטעלט אויפ׳ן זייט פון טעאַטער-דירעק-טאָר און ס׳האָט זיך אָנגעהויבען אַ פאָ-לעמיק צווישען ביידע צדדים. טאָג-טעג ליך זענען אויסגעגאָסען געוואָרען עמערס שמוץ אויף די שפּאַלטען פון ביידע צייטונגען און ס׳איז דערגאַנגען צו אַ וואָ-קכאַנאַליע.

דער פאַקטישער אָנפיהרער אין קאָ-מיטעט, האָט צוליב דעם פערנאַכלעסיגט זיין אַרבייט, דער ליטעראַטען-פעראיין, דער סאַמ-געבער פון קאָמיטעט, האָט זיך געשטעלט אויף דער זייט פון דער „פּרעסע“ פּראָטעסטירענדיג געגען דעם טעאַטער - דירעקטאָר. דער אַקטיאָרען-פעראיין, וועלכער האָט געהאַט גע-שטעלט אין רשות פון קאָמיטעט זיי-נע כחות (דער פּראָקלאַמירונגס-אַקט פון קאַמפּיין, אין וועלכען דער אַקטיאָרען-פעראיין האָט אַנטיילגענומען מיט זיינע בעסטע כחות, האָט טאַקי צוגעצויגען אַ גרויסען עולם און געגעבען לפי ערך אַ גרויסען פּראָפיט ביי 300 דאָלאַר) האָט אונטער דער ווירקונג פון דירעקטאָר געמוזט איבעררייסען מיט׳ן ליטעראַטען-פעראיין און ממילא מיט׳ן קאָמיטעט.

אַזוי אַרום זענען די האָפנונגען אויף איינאָרדנען אַ רייע אונטערנעמונגען מיט׳ן אַנטייל פון די אַקטיאָרען אויסגע-רונען און דער קאָמיטעט האָט צום בע-דויערען געליטען אַ צוזאַמענברוך. ביי אַ נישטיגער סומע פון 1200 פּעזעס, וועלכע זענען דורך דער גאַנצער צייט געזאַמעלט געוואָרען, האָט דער ליטע-ראַטען-פעראיין פאָרגעלייגט, אַז מ׳זאָל דעם קאָמיטעט אויפלעזען.

ס׳איז אָבער בעשלאָסען געוואָרען אַז דער צייטווייליגער קאָמיטעט לעזט זיך אויף און גייט אַריבער אין דער פאַזע פון אַ פּערמאַנענטען - קאָמיטעט. מ׳האָט שוין איינגעאָרדנט שול-רינגען (וועלכע האָבען אפילו געהאַט אַ קנאַ-פּען ערפאָלג) ס׳איז שוין אָבער פערביי די צייט, ווען מ׳האָט געקענט עפּעס מעהר אויפטון פאַר יודישע שולען אין פּוילען.

אָט אַזוי געהט עס דאָ אין אַרגענטינע.

איך פערשטעה און פיהל עס בעשייג-פערלעך זעהן פון די בריף פון דער צ.י.ש.א. אין וואַרשא, אַז זיי לעגען גרויס האָפנונג אויף אַרגענטינע, אָבער צום בעדויערן אומזיסט.

ס׳האָט זיך אויך פון דאַמאָלס אָנגע-הויבען אַ אַקציע פאַר אַ ריינעם יודי-שען טעאַטער ד. ה. אַזאַ, וואו די „רופ-יאַנעס“ זאָלען נישט האָבען קיין דריסת הרגל. די „פּרעסע“ האָט אָנגעהויבען די דאָזיגע אַגיטאַציע. די „יודישע צייטונג“, אַלס פערביסענער שונא פון דער „פּרעסע“ האָט געשטערט די אַקציע און עד היום (ס׳איז שוין אַ מעשה פון עטליכע חדשים) ווערט נאָך פערביסען געקעמפט, ס׳ווערען אויסגעגאָסען סאַב-טעגלעך ים׳ען שמוץ, מ׳בעפאַלט איי-נער דעם אַנדערן מיט די מאוסטע זלזולים און ס׳בלייבט אַלץ ביים אַלטען.

ב. ז-קי.

דאס מיידעלע וואס איז פער־הארטעוועט געווארען אין שטיין

א זעלטענע טראגעדיע, וועלכע האט פאראינטערעסירט אלע מעדיציגער אין לאנד.– אינטערעסאנטע פאקטען וועגען פערשטיינערונג ביי מענשען און פלאנצונגען.

א קליין מיידעלע איז מיט א קורצער צייט צוריק געשטארבען און איידער דער טויט האט איהר בעפרייט פון איהרע ליידען איז איהר קערפער געווארען פערשטיינערט. אין אנדערע ווערטער, עפעס א קראנקהייט האט ארומגעכאפט איהר קערפער און לאנגזאם איהר פערוואנדעלט אין א שטיין.

אזא טראגעדיע וואס האט פאסירט מיט דעם מיידעל פאסירט זעהר זעלטען, אבער פונדעסטוועגען זענען בעשריבען אין די מעדיצינישע ביכער א היבשע צאהל פאלען אזוינע. די צרה איז אבער, אז ביז איצט איז נישט געלונגען צו געפינען קיין שום מיטעל וואס זאל אבשטעלען דעם פראצעס פון פערשטיינערונג. דער מענש וואס ווערט בעפאלען פון דעם שרעקליכען חולאת מוז פריהער אדער שפעטער שטארבען.

דאס אומגליקליכע מיידעלע איז מאקסין ראמסאן אין דעם שטעדטעל ליימא אהייא. זי האט אנגעהויבען ליידען אזוי ווען זי איז אלט געווען אנ'ערך דריי יאהר און איבער צוויי יאהר האט זי בעלעבט אין אזעלכע שרעקליכע ליידען. איידער זי איז קראנק געווארען אויף דער שוידערליכער קראנקהייט איז זי געווען א קינד ווי אלע קינדער, נאך א ביסעל פרעהליכער און שפילצווידיגער און גוטמוטיגער א שעהן און א געראטען קינד.

איינמאל איז דאס קליינע מיידעלע געקומען אהיים פון שפילען זיך און געזאגט איהר מוטער, אז זי פילט זיך עפעס זעהר מיד. אייניגע טעג שפעטער האט דאס מיידעלע דערצעהלט איהר מוטער, אז זי קען נישט אטהעמען ווי עס בעדארף צו זיין, איז גערופען געווארען דער קליינשטעדטעלדיגער דאקטאר האט פרובירט שטודירען די קראנקהייט, אבער ער האט בשום אופן נישט געוואוסט וואס צו טון מיט דעם קינד.

אין אנהויב האט ער געמיינט, אז דאס קינד האט היסטעריקע. שפעטער ווען דאס קינד האט אנגעהויבען ווערען אזוי ווי פאראליזירט און אנגעהויבען קריגען א פערהארטונג פון איהר קערפער. איז ער געווארען זעהר דערשראקען און אריינגערופען גרעסערע דאקטוירים. אבער אויך זיי האבען נישט געוואוסט פון דעם און נישט געוואוסט די קראנקהייט צו ערקלערען. כאטש זיי האבען איינגעזעהען. אז עס איז אנ'ארגאנישע קראנקהייט און אז דאס מיידעלע איז געפעהרליך.

דאס קינד ווידער איז פון טאג צו טאג געווארען קראנקער. זי האט ביסלעכווייז פערלוירען די פיס און נאכדעם די הענד און זי האט אויך אנגעהויבען זיך ווערגען און שטיקען. די גרעסטע פראפעסארען זענען געבראכט געווארען צו בעטראכטען דאס קינד. זיי האבען געמאכט א ריכטיגע דיאגנאזע. זיי האבען איינגעזעהען, אז דאס קינד ליידט פון א זעלטענער קראנקהייט — זי ווערט פערהארטעוועט אין שטיין. די געלערטע האבען דאס קינד בעאבאכטעט א לאנגע צייט אבער אין שרעקליכער מאטערניש איז דאס קינד געשטארבען.

זעלבסטפערשטענדליך אז עס איז נאך א גליק, וואס אזא שרעקליכע קראנקהייט איז ווירקליך א גרויסע זעלטענהייט אין דער וועלט. אפילו אזא שטאט ווי ניו-יארק קען נאר פערצייכענען עטליכע פאלען, וואו מענשען זענען פערהארטעוועט געווארען אין שטיין. אין דייטשלאנד און אין ראקפעלער-אינסטיטוט אין ניו-יארק ארבייט מען זעהר סיכטיג אויף א מיטעל געגען דיזען אומגליק, אבער אויף זיכער איז נאך אזא מיטעל נישט געפונען געווארען.

אויף דער מיידעלע זענען אויך אויספרובירט געווארען אייניגע מיטלען, אבער נישט מיט קיין גרויסען ערפאלג. א געוויסע צייט האט זיך אויסגעדאכט, אז זי ווערט בעסער אבער שפעטער איז איהר פלוצלינג געווארען ערגער און זי איז געשטארבען.

אינטערעסאנט איז נאר, אז דאס וואס עס האט פאסירט מיט דעם מיידעלע און מיט אייניגע דערוואקסענע מענשען אין ניו-יארק, האט פיל מאל שוין פאסירט מיט פלאנצען און אפילו מיט גאנצע וועלדער — זיי זענען פערשטיינערט געווארען. דער פאקט איז, אז אין אמעריקא געפינט זיך א גרויסער פערשטיינערטער וואלד, וועלכער איז איינער פון די נאטור-וואונדער פון די פעראייניגטע שטאאטען. דער וואלד געפינט זיך אין אריזאנא און פערנעהמט א גרויסען שטח. א רייזענדער איבער די פעראייניגטע שטאאטען, האט דערצעהלט דאס פאלגענדע, וועגען דעם פערשטיינערטען וואלד:

„עס איז ווערט צו פאהרען פון ווייט אנצוקוקען דעם וואלד. אין אנהויב גלויבט מען גאר נישט אז דאס איז א פערשטיינערטער וואלד. די בוימער זעהען אויס ווי מאנומענטען. קוקט מען זיך אבער נעהנטער צו, זעהט מען קלאר, אז דער וואלד איז ווירקליך געווען אמאל, ווער ווייס מיט וויפיל יאהרען צוריק, א בליהענדער, גרינער און דופטיגער. עס זענען אין איהם ארומגעפלויגען פויגלען און עס האט אין איהם געלעבט א לעבעדיגע וועלט פון חיות און ברואימלעך. איצט אבער איז דארט א וויסטעניש. אבער די בוימער שטעהן גרויסע און קליינע, און זיי זענען אזוי פערהארטעוועט געווארען, אז זיי זעהען אויס ווי פון שטיין געמאכט.

„עס איז קעניג, אז קיין בעוואקסונג איז אין דער ערד דארט נישטא. אלענפאלס איז קיין בעוואקסונג נישטא אויף די ערשטע פופציג פוס אין דער ערד. עס קען זעהר זיין, אז צוליב דעם האט זיך אנגעהויבען דער פערשטיינערונגס-פראצעס פון די בוימער. אבער וואס די אורזאך זאל נישט געווען זיין, איז עס אבער א פאקט, אז דאס וואס איז פארגעקומען מיט דער מיידעלע, איז אויך פארגעקומען מיט דעם גרויסען וואלד, און אזוי ווי מען ווייס דערווייל נאך נישט פארוואס דער דאזיגער וואלד איז ביז א געוויסען פלאץ געווארען פערשטיינערט און פארוואס איז ער נאכדעם געווארען פרישער, גרינער, און איז אויך איצט פריש און גרין, אזוי קען מען נאך דערווייל נישט פערשטעהן די ריכטיגע אורזאך פון דער קראנקהייט, וואס פערשטיינערט מענשען“.

די אמעריקאנער רעגירונג האט ארויס געשיקט פארשער אין דעם דאזיגען וואלד און עס איז קיין צווייפעל נישט, אז זיי וועלען דערגעהן די אורזאך.

אינטערעסאנט איז אויך, אז אין מעקסיקא זענען דא פיל וועלדער אזעלכע און דוקא אין געגענדען, וואו דאס לאנד איז געווען אמאל זעהר פרוכטבאר. די אינדיאנער אין מעקסיקא גלויבען, אז דער וואלד וואס ווערט פערשטיינערט, איז געווען דער פלאץ, וואו די אומשולד פון א מיידעל איז פערפלעקט געווארען. זיי גלויבען, אז ווען א יונגע פרוי ווערט פערגוואלטיגט אין א וואלד, ווערט דער וואלד פערשאלטען פון דעם גאט פון שטיין, און דער וואלד ווערט פערשטיינערט אויף אייביג.

אין מעקסיקא האט מען נישט געמאכט קיין גרויסע אויספארשונגען כאטש דארט געפינען זיך פיל וואונדער פון דער נאטור.

י. עסטע־זאהן.

די לייטונג פון „בית אברהם“ עם גן־ילדים

לאדז, אנראדאווא 10

טיילט מיט, אז דאס איינשרייבען נייע תלמידים אויפ'ן שול-יאהר תרפ"ו—פ"ז (1926|27) אין אלע מחלקות דויערן ווייטער. די בחינות (עקזאמענס) האבען זיך אנגעהויבען ר"ח אלול (דעם 10-טען אויגוסט).

עס ווערט ערעפענט א העברעע קלאס. גלייכצייטיג טיילען מיר מיט, אז די למודים הויבען זיך נארמאל אן היינט, מיטוואך (דעם 15. סעפטעמבער).

המנהל אברהם שלאמאוויטש (אגראדאווא 10).

בעמערקונג: אין גן-ילדים ווערען אנגענומען תלמידים פון 5 יאהר אן. 927

די רענאמירטע שולע פאר קינדער פון יוד. אינטעליגענץ

7-קלאסיגע שולע פון פ. כאצענעלזאן נאחומאב נייגאס 6 צווישען נאוואמייסקא און ווסכאדניא.

עס ווערען אנגענומען אין אלע קלאסען אין עלטער פון 7 ביז 14 יאהר שילער און שילערינס. א ספעציעלער פארבערייטונגס-קלאס פאר ענטוויקעלטע 6-יעהריגע קינדער. א גרויסער פראגראם פון העברעאיש און רעליגיעזע יודישע לימודים. די למודי קודש ווערען געלערנט אונטער דער הנהלה און השגחה פון בערימטען אלטען למדן ר' בנימין יעקב כאצענעלזאן.

ביי דער שולע עקזיסטירט פאר קינדערלעך פון 3 ביז 6 יאהר

אפרעבעל-שולע / Freblówka

פוילישע און העברעאישע לידער און לייכטע געשפרעכען.

גימנאסטיק מיט מוזיק. ריטמישע טענץ. האנד-ארבייט. אנפאנגס-לעהרע פון לעזען, שרייבען פויליש און עברי' (דאוונען).

נאכמיטאג-שולע 50% ביליגער.
נאכמיטאג - פרעבעלשולע. 979

איינשרייבונגען פון ר"ח אלול טעגליך פון 11 ביז 1 און פון 5 ביז 7 אוונד.

Dr. med. H. LUBICZ

צעגעלניאנא 43, טעל. 41-32.

ספעציאליסט פאר הויט, וועגערישע און מענער-שוואכע קראנקהייטען. 1839

הײלונג מיט קווארץ-לאמפען (האר-אויספאל)

נעמט אן פון 8—10 און פון 5—8 אוונד

Dr. Prybulski

זאוואדזקא 1, טעל. 25-38.

וועגערישע- און האר- הויט - קראנקה. מענער-שוואכע, בעהאנדלונג מיט קווארץ-ליכט (האר-אויספאל), רענטגען-שטראלען.

נעמט אן 9—1, 4—8 אוו., דאמען: 4—5

אין וואלד פון ליידענשאפטען.

(ראמאן).

341)

לויכטער און לארא זענען א ביסעל פריהער אנגעקומען פון זייערע חברים. זיי האבען געוואלט אליין זיין ביים צוריקקומען אין דער הייל זייערער, און די ערשטע אריין אינעווייניג.

— דא זענען מיר אינדערהיים לארא! — האט זיך לויכטער אפגערופען צו זיין ווייב — צי פיהלסטו נישט איצט די פרייד פון אזא איינעם, וואס נאך א לאנגען אומוואגלען אין דער וועלט, קעהרט ער זיך אום צוריק אין זיין היים-שטאט! זעהסט אטא די ליפע? אויף איהר האב איך אויסגעשניטען אונזערע נעמען און צוויי הערצער, דורכגעלעכערט פון א פייל — זעהסט, זיי זענען נאך דא! די נעמען לעזען זיך נאך גאנץ לייכט. און אט, זעהסטו, איז דער ברעג פונ'ם טייכעל! געדענקסט, ווי אפט מיר פלעגען זיך דא אויסרוהען נאך די לאנגע ארומוואנדערונגען אין די בערג? דארט האסטו גערוהט אין מיינע ארעמס; דיין טייערער קאפ פלעגט זיך טוליען צו מיין ברוסט, און דער שלאף דיינער איז געווען אזוי זיס — פונקט דו וואלסט געלעגען ביי זיך אין דער היים, אין דעם שטאלצען גרעפישען פאלאץ פון דיין פאטער, פונקט אויף זיידענע קישענס וואלסטו געלעגען.

— דער גרעפישער שלאס! — האט לארא אויסגערופען, האלזענדיג צארט איהר געליבטען מאן — ער איז שוין פון לאנג נישט מיין היים! מיין היים, ליבער היינץ, איז דארט, וואו דו ביזט! שוין א סך יאהרען, ווי אונזער טייערע היים איז געווארען דער וואלד און די אונטערערדישע הייל!

לויכטער האט ארומגענומען זיין ווייב, און זי א קוש געטון.

— דער ערשטער קוש איז עס נאכ'ן צוריקקעהר א היים! — האט ער זיך אפגערופען, שמייכלענדיג און צארט גלעטענדיג די האהר פון זיין ווייב — און עס וועלען נאך דעם ערשטען קומען א סך נאך, זעהר פיל קושען! נישט וואהר, מיין לארא?

זי האט גארנישט געענטפערט, נאר אזוי איהם אנגעקוקט מיט איהרע שטראהלענדיגע אויגען, אז דער בליק איז אריינגעדרונגען אין דער סאמע טיף פון זיין נשמה.

— און איצט, לאמיר אריין אין דער הייל! — האט ער אויסגערופען — גאט איז מיין עדות, אז איך האב א מינוט נישט פערגעסען אין אונזער היים!

— אמת, מיר האבען זיך דא אויסגעלערנט, וואס עס הייסט צו האבען אנ'אייגען הויז, ווען ס'זאל זיך אפילו געפינען אין דער טיפעניש פון וואלד, טיף אונטער דער ערד. זאג, צי איז דא אויף דער וועלט א בעסערער מקום מקלט פון אונזער הייל, וואס גאט האט אונז אויף איהר אנגעוויזען! זומער, ווען מענשען געהען אויס פאר היץ, איז אונז דא אנגענעהם קיהל; ווינטער, ווידער, פריהרען מיר נישט אזוי ווי די מענשען, וואס וואוינען אין פרעכטיגע זאלען, און ווארעמען זייערע גלידער ביי איינגעהייצטע קאמינען.

א חוץ דעם דינט אונז נאך די הייל אלס פעסטונג, און מיר האבען שוין געהאט די געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען, אז אריינצוקריגען זיך אין איהר איז גארנישט פון די לייכטע זאכען. זי איז בעסער פאר א שלאס. קיין איין הערצאג קאן זיך נישט איבערנעהמען מיט אזעלכע שטאלצע, דיקע ווענד אין זיין פאלאץ, מיט אזעלכע פרעכטיגע זאלען און געמיטליכע צימערען. און זעה נאר, ס'אזא אונז ענדליכער. הערליכער פארק עס רינגעלט אונז ארום! ארום און ארום איז וואלד — וואונדערבארער, צויבערליכער, סודות'פולער וואלד! אלדאס גוטס פערמאגען מיר דאך דא! ממש פון פויגעל מילך! זאג אליין, לארא, ווער קאן נאך שטאלצירען מיט אזא שען לעבען, ווי אונזער לעבען איז?! איבעריגענס, אויב נישט מיט אלץ איז אונז דא די נאטור מכבד — נעהמען מיר זיך אליין דאס נויטיגע פון רייכע הייזער, וואו ס'איז אלץ דא לרוב. מ'קאן נישט זאגען — איך מאך טאקי לייכטער די קאסעס פון וואכערניקעס, איך בין טאקי מכבד מיט קלעפ די יעניגע, וואס חוזק'ן פון ארימע לייט, און איך צווינג זיי, געגען זייער ווילען צו טון צדקה — פערפאלען, אזוי מוז עס אויך ווייטער זיין.

שמועסענדיג אזוי צווישען זיך האבען לארא און לויכטער כמעט נישט בעמערקט, ווי גיך זיי זענען צוגעקומען צום בערגעל, הינטער וועלכען עס איז געווען דער אריינגאנג אין דער געהיימער הייל.

אין דער נאהענט האט גערוישט דאס בערג-טייכעל; די כוואליעס האבען געפלאפעלט אונטער די בוימער, די צווייגען האבען זיך געשאקעלט, די בלעטער האבען געשארכט און געציטערט. און ס'האט זיך אויסגעדוכט, אז דאס בעגריסען זיי דעם צוריקקעהר פון דעם רויבער מיט זיין פרוי.

לויכטער האט שנעל געפונען דאס בריקעל, וועלכעס ער האט אריבערגעווארפען איבער'ן טייכעל, און זיי זענען לייכט אדורך אויף דער צווייטער זייט.

זיי האבען אויך באלד געפונען דעם אריינגאנג אין דער הייל.

— ווארט דא צו א ווײלע — האט געזאגט לויכטער — איך וועל פריהער אליין אריין אינעווייניג: ס'קאן דאך געמאלט זיין, אז אין אונזער אפוועזענהייט האט דא געקאנט פערבלאנדזשען א מענש אדער א חיה, און מען מוז זיך פריהער אין דעם איבערצייגען, איידער מיר געהען אריין אינעווייניג.

לארא האט אבער נישט געוואלט הערען וועגען דעם:

— אויב ס'איז דא עפיס א סכנה, וויל איך זי שטענדיג טיילען מיט דיר! קום וועלען מיר אראפ צוזאמען.

לויכטער האט שנעל אנגעלאדען זיין ביקס, און אפרוקענדיג די צווייגען, וואס האבען פערשטעלט דעם אריינגאנג, איז ער דער ערשטער אראפגעשטיגען אונטען.

(פארטזעצונג קומט).

א צימער

ביי אַנ'אָרענטליכע פאַמיליע, מיט דורכגאַנג בעזונדערן איינגאַנג, אין דער געגענד פון ניי-שטאָט ביז צעגעלניאַנאַ אויך אין די קווער-גאַסן, פאַר אַ צוקונפט. פאַר-פאָלק אָהנע קוך-בענוצונג ווערט פון זאפאָרט געזוכט. אָפּערטען אין אַדמיני. פאַר M. J.

ווייכשינגע נייהייט
פעלצוואָרעצן
אויף ראַטעס

מענער און דאַמען פעלצען אייך
איינצעלנע פוטערלעך און
גרויסן אויסוואַהל
— — צו בעקומען ביי — —

I. SZWARCMAN
41 NARUTOWICZA 41 866

ס'ווערט אויך אָנגענומען אַלע אַרט רעפּעראַטורען.

---

2 בעטען, א שראַנק,
2 ספּאַרטוועגעלעך, זאָפאָרט צו פערקויפן
פּאָלודניאָווא 28, וו. 26, פון 1—3 נאָכמ.

אכטונג, ה' פריזיערס!
קעלניש וואַסער 5 זל. אַ קילאָ,
בלומען-וואַסער 5 זל. אַ קילאָ,
וועזשעטאָל 3.50 זל. אַ קילאָ,
ראַזיר-זייף Pixin 8.50 זל. אַ קיל.
אַלץ בעקומט איהר אַמביליגסטען נור אין דער
פּערפומעריע פון
י. דרוקער, זאַוואַדזקאַ 11

לעטשניצע פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען
בזשעזשינער 11, טעל. 37-63
אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָ-ענד

ד"ר וואַלינסקי	נאָז, האַלז, אויערן-קר.	4—3
ד"ר כערשנער	קינדער-קראַנקהייטען	12—9 5.30—4
ד"ר שיפּמאַן	אונערליכע קראַנקה.	12—10 6.30—5
ד"ר לוביטש	הויט-און געשלעכט קר.	2—12
ד"ר שמירגעלד	נערוועו און גייסטיגע קר.	3—1
ד"ר גאָלדבלאַט	אויגען-קראַנקהייטען	2—12.30
ד"ר עליאַסבערג	כירורגישע קראַנקה.	$2^1/_2$—1
ד"ר בערנסאָן	פרויען און געבורטס הילף	4—3

מסנקאָ-טעראַפּיע, שפּר ד-שטערונגען ווי שטאַמלען א. ז. וו. שטעקען-שטעלע, קינסטליכע בערג-זון-בעשטראַהלונג איינ-שפּריצונגען, מאַסאַזשען, עלעקטריזאַציע, אָפּעראַציעס. אויף פערלאַנג — וויזיטען אין שטאָט. - אין לאַבאָראַטאָריום ווערן אָנגענומען אַלע אַרט אַנאַליזען, ווי אורין, פלעגמע און בלוט. 2170

אימפּפונגען געגען שקאַרלאַטין.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען אַ
רענטגענאָלאָגישער קאַבינעט
עס נעהמען אָן:

ד"ר זילבערשטיין	צאָהן-אַרצט	9 2 3 נ מ.
ד"ר לאָזשינסקאַ סמאַראַפּאַלסקאַ	צאָהן-אַרצט	7.30—3

קינסטליכע ציינער, קאַראָנען, פּלאָמבען א. ז. וו.
די לעטשניצע איז אויך טעטיג זונטאָג.

זאָל גאַנץ לאָדז וויסען, אַז דאָס
מעבעל-געשעפט
פון פּלאַכאָוויטש און רעכט
145 פּעטריקאָווער 145 אין הויף

האָט זיך פערגרעסערט און בענוצט אויף לאַגער אַ גר. אויסוואַהל פון
שלאָף-צימער, עס-צימער, ביוראָ-איינריכטונג
קוכען-מעבעל, ווי אויך ענצעלע געגענשטענדע
אַלעס פון אייגענע אויסאַרבייטונג
בעמערקונג: מיר קויפען אויך געניצטע מעבעל און צאָהלען די העכסטע פּרייזען. 387
פאַר באַר! ☛ אויף וועקסעל!

א וואוינונג
פון 2 צימער איז צו דער אין צענטרום, 1. שטאָק, גאַז און עלעקטריש פון זאָפאָרט צו פערדינגען. ערפאָהרען ציגעלנאַיאַ 44, אין גאַלאַנטעריע-געוועלב

ראַטעוועט דאָס געזונד!

די גרעסטע וועלטליכע מעדיצינישע פערזענליכקייטען האָבען בעשטעטיגט, אַז
75 פּראָצ. קראַנקהייטען שאַפען זיך פון עצירות.
אַ קראַנקער מאָגען איז די הויפּט-סיבה פון די פערשיידענסטע קראַנקהייטען, פעראונרייניגט אָס בלוט און שאַפט אַ שלעכטע שטאָף-ווייקסלונג.

די בעוואוסטע פון 48 יאָהר אויף דער גאַנצער וועלט
ZIOŁA z GÓR HARCU D-ra Lauera

ווי עס האָבען בעשטעטיגט די פּראָפעסאָרען פון בערלינער אוניווערזיטעט ד"ר פ. לעידען, ד"ר מאַרטין, ד"ר האָכפעלטער און אַ סך אַנדערע בערימטע דאָקטוירים, זענען אַן אידעאַל-מיטעל אויף געזונד צו מאַכען דעם מאָגען, פערניכטען דאָס עצירות (פערהאַרטונג), זענען דאָס אונפּאַרטעטעבדסטע אָפּ-ריינינגונגס-מיטעל, פערלייכטערן די פונקציע ביי די פערדייאונגס-אָרגאַנען, פערשטאַרקען דעם אָרגאַניזם און ערוועקען אַנ'אַפּעטיט.

Zioła z Góer Harcu D-ra Lauera פערניכטען דאָס ליידען אויף דער לעבער ניערן, גאַל-שטיינער, העמאָרוידען, רעוומאַטיזם און אַרטערעוזיס, קאָפּוועהטאָג, אויסשיטונג און ליטשאַיעס.

Zioła z Góer Harcu D-ra Lauera זענען באַשענקט געוואָרען אויף דן דאָקטוירים-אויסשטעלונג מיט אויסצייכנונגען און גאָלדענע מעדאַלען אין באַדען, בערלין, ווינע, פּאַריז, לאָנדאָן און אַ סך אַנדערע שטעדט. מיליאָנער דאַנקזאָגונגען האָט בעקומען ד"ר לאַוער פון אויסגעהיילטע פּאַציענטען.

פּרייז פון אַ האַלבע שאַכטעל 1.50, דאָפּעלטע שאַכטעל 2.50

פערקויף אין אַפּטייקען און אַפּטייק-סקלאַדעס

בעמערקונג: היט אייך פאַר אָהנגעמאַכטע נאָכמאַכונגען.

רעפּרעזענטאַנט אויף פּוילען: Józef Grossman, Warszawa, Chmielna 49

א געוועלב
מיט 2 צימערן צו פער-דינגען ביים ווירט. 878
צו ערפאָהרען
נאָפּיאָרקאָווסקי 157.

Dr. med. EYCHNER Jakób
Aleja 1-go Maia 16, Tel. 11-24
קינדער - קראַנקהייטען, אָרטאָפּעדיע. פון 6 ,7 צו 3—4 אַ זייגער נאָכמ.

קלעפּסידרעס
ווערען אין פערלויף פון איין שעה אויסגעפערטיגט און אויס-געקלעפּט אין אַלע גאַסען
דרוקעריי פון „נייעם פאָלקסבלאַט"
פּעטריקאָווער 21

[illegible]

פאַר 5 זלאָטעס
עלעקטריש בעלייכטונג אין שטוב!
אויף ראַטעס נור צו 5 זלאָטעס וועכענטליך בעקומט איהר ביי מיר נייע אַנלאַגעס און איבער-מאַכען פון אַלטע אויף נייע אַנלאַגעס, ווי אויך פערשידענע עלעקטראָטעכנישע מאַטעריאַלען, ושאַרובקעס, גאַז-צילינדערן אַלעס צו זעהר ביליגע פּרייזען. קומט, איבערצייגט אייך! מיט בעשטעטיגונג פון די עלעקטראָווניע.

בעמערקונג: פּיאַן פאַר קאַסע

מיט אַכטונג ח. סאַליק,
ציגעל-גאַס 63 (בהם פוילישען מעטער)

Dr. med. Braun
23 פּאָלודניאָווא 23
— טעלעפאָן 26 40. — —
צוריקגעקערט.
ספּעציאַל-אַרצט פאַר הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען און מענער - שוואַכע.
בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-ליכט (הער-אויספאַל.)
נעהמט אָן פון 9—12 און פון 5—8 אָוונט.

דאַנטיסט און צאָהנטעכניק
י. ביטענסקי
5 קאָנסטאַנטינער 5
נעהמט אָן אַלע טאָג פון 9 פריה ביז 8 אָוונט.
פּרייזען ביליגע! בעראַטונג אָהן בעצאָהלט

בכל המקום אשר אזכיר את שמי
אבא אליה וברכתיך
איך האָב די עהרע מיטצוטיילען, אַז איך האָב מיין ביוראָ איבערגעטראָגען פון פּעטריקאָווער 18 אויף
17 פּעטריקאָווער 17
2-טען הויף, פּאַרטער. דורכגאַנג זאַכאָדניאַ 52,
וואו עס ווערט ערלעדיגט און געשריבען אַלערליי ביטעס לויט'ן אוסטאַוו, קלאָווערס, ואַבעזשיפּעשעניעס אויף אַלע שטעט אין פּוילען, אַפּעלאַציעס, אַפּאָזיציעס, אדוואָ-לאַטעס, רעקורסען - וועגען קאָנצעסיעס אין קאָמיסאַריאַט-רזשאָנדו, ביטעס צו אַלע פּאָ-ליציי-בעצירקען, שותפות-אַקטען, סטאַטוטען, אַקטען אינטערציזיעס, אַקטען דאַראָווזיעס, קאָרנע ספּראָוועס, ווי אויך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען. 503

רעכטס-קאָנסולענט י. מאַנעלאַ
פּעטריקאָווער 17, זאַכאָדניאַ 52
שנעל, רעעל און ביליג!

---

28 נאָר 28 נאָר 28
פערקויפט נישט אייער
מעבעל,
דיוואַנעס, פּעלצען, אָנציגער, נייי-מאַשינען אז"וו, בעסער איהר איבערצייגט אייך נישט ביי די לאַנג-עקזיסטירענדע פירמע
ה. ראַזניק, בענעדיקטאַ 28
נאָר אין צאָהלט די העכסטע פּרייזען!
בעמ.: ביי מיר אויף לאַגער שטענדיג פערשי-דענע געניצטע מעבעל און נייען צושטאַנד, פּרייזען זוגענגליכער, ווי איבעראַל!
28 נאָר 28 נאָר 28

עלעקטרישע בעלייכטונג
אין 5 טאָג!
ווער עס וויל האָבען עלעקטרישע בעלייכטונג שנעל און גוטע בעדינגונגען, אויף וועקסלען, אָדער קליינע ראַטעס, זאָל זיך ווענדען אין
ZAKŁAD ELEKTROTECHNICZNY
Piotrkowska 44 (אין הויף)
בעמערקונג: עס ווערען אויסגעפיהרט רעפּעראַ-טורען צו יעדער צייט. 912

צום שול-יאָהר!!!
די בוכהאַנדלונג
F. Otelsberg
פּעטריקאָווער 18 אין הויף
בעזיצט אַ גרויסען אויסוואַהל פון נייע און געניצטע שול-ביכער צו נידריגע פּרייזען פאַר די אַלגעמיינע און מיטעל-שולען. עס ווע-רען געקויפט און אומגעטוישט אַלטע שול-ביכער. צו יעדען גע-קויפטען בוך אין ווערט העכער פון 80 גר. ווערט אַ קאָיעט צוגעגעבען
גאַנץ בחנם!!!

אכטונג !!!
ביי מיר איז צו בעקומען
טאַשען-קאַלענדארען
אויפ'ן יאָהר תרפ"ז
הורט און דעטייל
שעהנע אויספיהרונג און ביליגע פּרייזען
דרוקעריי
י. גרינבערג, לאָדז
וואָסחאָדניאַ 45. — טעלעפאָן 90-31.

לעטשניצע פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען
און ערצטליך-רענטגענאָלאָגישער קאַבינעט
זגיערסקאַ 17, טעל. 33-16.

ד"ר ראַכאַוואָסקי	נאָז, האַלז, אויערן קר.	3-2 11-10 $7^1/_2$—$6^1/_2$
ד"ר רוזשאַנער	הויט-און געשלעכט-קר.	11—10 2—1
ד"ר גאָלדשטיין-פּאָלאַק	אויגען-קראַנקהייטען	8-7 2-1
ד"ר יוסטמאַן	נערוועו-קראַנקהייטען	2—12
ד"ר ראַזענצוויג	קינדער-קראַנקהייטען	5-4 12-10
ד"ר פּאַפּיערני	פרויען-און געבורטס-הילף	6-5 1-$11^1/_2$
ד"ר קאַנטאָר	כירורגישע-קראַנקהייטען	2-1.ז 4-3
ד"ר וויינבערג	אינערע הערץ לונגען-קר.	7-$5^1/_2$ 1-11
ד"ר סטופּעל	רענטגען	12-10 6-4
ל. פּרוסאַק	צאָהן-אַרצט	10—2
נ. ראַזעס	צאָהן-אַרצט	7—4

צאָהן-פּלאָמבירונג, בעלייכטונגען, קאָראָנען, מאָסטען, א אז. וו.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען
רענטגען-אינסטיטוט
היילונג פון הויט-קראַנקהייטען פון קאָפּ (פּאַרך) מיט רענטגענשטראַהלען, פאַר מעשטראַהלונג און דורכלייכטונגען, קוואַרץ-לאַמפּע, דיאַטערמיע, עלעקטריזאַציע, אַלע מעגליכע אַנאַליזען. א קורס פאַר שטאַמלער.
אימפּפונגען געגען שאַרלאַך (שקאַרלאַטין) פון 4—5 נאָכמ.
די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאָג.
וויזיט אין דער שטאָט.

אַבאָנאַמענטס-פּרייז: אין לאָדז: אַ חודש -- 4.00 זלאָטעס. אויף דער פּראָווינץ: אַ חודש — 6 זלאָטעס. און אויסלאַנד מיט 50 פּראָצענט טייערער.—פאַר'ן אינהאַלט און טערמין פון די אַנאָנסען איז די רעדאַקציע נישט פעראַנטוואָרטליך. די אַדמיניסטראַציע איז אָפען ביי טאָג און ביי נאַכט.

אַנאָנסען - פּרייז: פאַר אַ מיל.-מעטער שורה פאַר'ן טעקסט 15 גראָשען, פּריוואַט 20 גראָשען, אין טעקסט 20 גר. פּריוואַט 30 גראָשען. נאָכ'ן טעקסט 10 גר. פּריוואַט 15 גראָשען. — פאַר אויסלענדישע אַנאָנסען 100 פּראָצ. טייערער. אויסער דער שטאָט — 50 פּראָצ. טייערער. —

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brustowski i D. Silberberg. Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman
Czcionkami i druk.: „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.